בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר׳ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

חַג הַשָּׁבוּעוֹת (1)

תשפ"ד

349 -1

## היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
### וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
### בארא פארק
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
### קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
### קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
### בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
### מאנסי
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
### ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
### בני ברק
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# לִקּוּט מִכְתָּבִים

**בעזהשי"ת**

**רב יוסף ביומא דעצרתא אמר עבדי לי עגלא תלת"א** (פסחים סח ע"ב)

**מיט גרויס דאנק און ליב צום אייבערשטן שטעלן מיר פאר אנשי שלומינו א געטריפלטן קונטרס לקראת חג השבועות הבא עלינו לטובה;**

**1) די סדר הנסיעה פונעם ראש ישיבה שליט"א אין ארץ ישראל אין די פארלאפענע טעג פון ל"ג בעומר.**

**2) אויסדערוועלטע בריוון אויף יום טוב שבועות,**

**3) און א ספעציעלער קונטרס, א קאלעקציע פון בריוון איבער דאס גרויסקייט און תועלת פון לימוד התורה הקדושה (געדרוקט באזונדער).**

**מיר זענען ארעם אין ווערטער אויסצודרוקן אונזער הכרת הטוב פאר די כוחות, צייט און מיה וואס דער ראש ישיבה שליט"א לייגט אריין טאג איין טאג אויס צו שרייבן בריוו וועלכע איז אונזער וועגווייזער אין לעבן, בריוו וואס געבט אונז די ריכטיגע שכל און הדרכה אין לעבן, בריוו וואס איז אונז מחזק, מעודד און מעורר צו דינען דעם אייבערשטן, צו לערנען די הייליגע תורה, און צו קיום התורה והמצוות בשמחה, אויפן וועג פון הייליגן רבי'ן ווי אזוי מוהרא"ש זכותו יגן עלינו האט אונז געלערנט.**

**צו די זעלבע צייט הייבן מיר אויף אונזערע הענט מיט א תפילה צום אייבערשטן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל ווייטער האבן די כוחות אונז צו קענען ווייטער לערנען את המעשה אש"ר יעשון, ואת הדרך אש"ר ילכו בה.**

קראו ותחי נפשכם

מכון עצתו אמונה

# סֵדֶר הַנְּסִיעָה קַיין מִירוֹן, לַ"ג בָּעוֹמֶר תשפ"ד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"א אִיָּר, ל"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער לִיבֶּער זוּן, הַבָּחוּר יָנִיק וְחַכִּים ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ בִּין אוֹיפְן וֶועג צוּרִיק פוּן מַיין נְסִיעָה קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל לַ"ג בָּעֹמֶר תשפ"ד. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֶערְלִיכֶע נְסִיעָה, פוּן מַיינֶע שֶׁענְסְטֶע נְסִיעוֹת קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אִיךְ וֶועל דִיר אַרָאפְּשְׁרַייבְּן אַבִּיסְל וִויפִּיל אִיךְ גֶעדֶענְק פוּן דִי שֵׁיינֶע נְסִיעָה, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט קֶענֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען שֵׁיינֶע חִיזוּק פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אוּן מִיט דִי חִיזוּק פוּן וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ רֶעדְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

עֶרְשְׁטְנְס ווִיל אִיךְ דִיר זָאגְן אִיךְ בִּין אַזוֹי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן הֶערְן דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אַז דוּ הָאסְט נָאכְאַמָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען שַׁ"ס כְּסִדְרָן, דוּ ווִילְסְט נָאכְאַמָאל עֶנְדִיגְן שַׁ"ס; וָואס נָאךְ דַארְף אִיךְ? וָואס נָאךְ ווִיל אִיךְ? אַ טַאטֶע מַאמֶע'ס גְרֶעסְטֶע הֲנָאָה אִיז, צוּ זֶען ווִי דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען אוּן פִירְן זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם; זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז דוּ מַאכְסְט מִיר אַסַאךְ נַחַת אוּן אוֹיךְ פַאר מַאמִי, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט דַיין גַאנְץ לֶעבְן נָאר לֶערְנֶען, דַאוֶונֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

***סֵדֶר הַנְּסִיעָה***

זוּנְטָאג פַּרְשַׁת בְּהַר הַאלְבּ זֶעקְס נָאכְמִיטָאג זֶענֶען מִיר אַרוֹיסְגֶעפָארְן פוּן ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אִיךְ, מַאמִי מִיט מַלְכָּה'לֶע. אֶלִי' קְנָאל הָאט מִיךְ גֶענוּמֶען צוּם עֶירְפָּארְט, מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִין נוּאַרְק עֶירְפָּארְט, דָארְט הָאט אוּנְז שׁוֹין אָפְּגֶעוַוארְט שְׁלֹמֹה, עֶר אִיז אוֹיךְ מִיט גֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ זַיין לַ"ג בָּעֹמֶר בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי.

אִין עֶירְפָּארְט אִיז צוּגֶעקוּמֶען אַ פָּאלִיצְיַאנְט, עֶר זָאגְט מִיר אִין עֶנְגְלִישׁ אַז עֶר הָאט גְרוֹיס חִיזוּק פוּן דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ פְרֶעג אִים אִין עֶנְגְלִישׁ: "דוּ קֶענְסְט אִידִישׁ?" עֶנְטְפֶערְט עֶר מִיר: "יָא"; עֶר דֶערְצֵיילְט מִיר אַז עֶר אִיז פוּן

אַ הֵיימִישֶׁע חֲסִידוּת, נֶעבֶּעךְ אַוֶועק גֶעפַאלְן, און עֶר אִיז זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶ' מִיט דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ עֶר קֶען כַאפְּן אַ בִּילְד מִיט מִיר.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְמַאנְט, מִיט יָארְן צוּרִיק, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ יוּנְג בָּחוּר, אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְשַׁמֵשׁ זַיין זֵיידִי, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין דִי מַעֲרָה בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן, אִיז צוּגֶעקוּמֶען אַ מָאדֶערְנֶער אִיד און גֶעזָאגְט אַז זַיין זוּן וֶוערְט בַּר מִצְוָה, עֶר ווִיל אַ בְּרָכָה, זֵיידִי הָאט אִים שַׁיין אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן. נָאכְדֶעם פְרֶעגְט עֶר אוֹיבּ עֶר קֶען כַאפְּן אַ בִּילְד פוּן זַיין זוּן אִינְאֵיינֶעם מִיטְן רָב, עֶס וֶועט זַיין גְרוֹיס חִיזוּק פַאר אִים. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זִיכֶער אַז זֵיידִי וֶועט נִישְׁט מַסְכִּים זַיין, זֵיידִי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קֶעגְן בִּילְדֶער, אַזוֹי ווִי זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן סַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט מַאכְן קַיין בִּילְדֶער, און מִיט גְרוֹיס וואוּנְדֶער שְׁטֶעלְט זִיךְ זֵיידִי אוֹיף פוּן זַיין מָקוֹם קָבוּעַ אִין דִי מַעֲרָה, עֶר אִיז גֶעזֶעצְן אוֹיף דִי קְלֵיינֶע בַּאנְק מַמָשׁ נֶעבְּן דִי שְׁטֵיין וואוּ מֶען אִיז מִתְפַּלֵל, און עֶר זָאגְט: "נֶעם אַ בִּילְד", דֶער אִיד הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט זַיין בָּחוּר נֶעבְּן זֵיידִי און גֶענוּמֶען אַ בִּילְד. שְׁפֶּעטֶער זָאגְט מִיר זֵיידִי: "אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל נֶעמֶען אַ בִּילְד, ווַייל אַזַא מָאדֶערְנֶער אִיד קֶען דָאס הֶעלְפְן אִים בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער און נֶענְטֶער צוּ אִידִישְׁקַייט"; אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעזָאגְט דֶעם פָּאלִיצְיאַנְט אַז עֶר קֶען נֶעמֶען אַ בִּילְד. עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט נֶעבְּן מִיר און עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אַ צְוֵוייטְן פָּאלִיצְיאַנְט זָאל כַאפְּן דִי בִּילְד, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דֶער בִּילְד זָאל אִים הֶעלְפְן קוּמֶען נֶענְטֶער און נֶענְטֶער צוּ תְּשׁוּבָה.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין עֶירְפָּארְט לַאנְגֶע שׁוּרוֹת בַּיים זִיךְ דוּרְכְקוּקְן אֵיידֶער מֶען גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְן פְלִיגֶער, אֶלִי' הָאט מִיךְ דוּרְךְ גֶענוּמֶען אַלֶע וַוארְטֶעס, אָן דַארְפְן שְׁטֵיין אִין דִי רַייעֶ, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן מִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן נָאכְן דוּרְכְגֵיין דִי מַאשִׁין. דֶער מַאשִׁין הָאט גֶעווִיזְן אַז מֶען דַארְף בּוֹדֵק זַיין מַיין רֶענְצֶל פוּן מַיין טַלִית וּתְפִילִין, עֶס הָאט גֶעווִיזְן אוֹיף דִי זִילְבֶּערְנֶע עֲטָרָה אַז מֶען דַארְף דָאס דוּרְכְקוּקְן, מִיר הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען אַז אוֹיבּ עֶס אִיז בַּאשֶׁערְט צוּ וַוארְטְן, הֶעלְפְט נִישְׁט דִי אַלֶע דְרֵיידְלֶעךְ וָואס מֶען מַאכְט, און

אַז מֶען פְּרוּבִּירְט אַיינְשְׁפָּארְן, מֶען גֵייט אַ 'דֶּרֶךְ קְצָרָה' – אִיז נָאכְדֶעם דָא דִי 'דֶּרֶךְ אֲרוּכָה', מֶען קֶען גֵיין נָאר וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט.

אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶוענְט מַעֲרִיב אוֹיפְן פְלִיגֶער אוּן גֶעצֵיילְט סְפִירָה כ"ז לָעֹמֶר, יְסוֹד שֶׁבְּנֶצַח. אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת, אוּן גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען בַּיים רֶבִּי'ן וָואס הָאט גֶעזָאגְט אַז זַיין זַאךְ אִיז דִי מִדָּה פוּן נֶצַח, 'נִצַּחְתִּי וְאֲנַצֵּחַ'; אַזוֹי וֶועלְן מִיר קֶענֶען הָאבְּן דִי מִדָּה פוּן יְסוֹד, זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין; דָאס אִיז פְּשַׁט פוּן 'יְסוֹד שֶׁבְּנֶצַח'.

נָאךְ אַפָּאר שָׁעָה הָאבְּן מִיר שׁוֹין גֶעדַאוֶוענְט שַׁחֲרִית אוּן נָאכְאַמָאל זִיךְ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן אוּן זִיךְ אוֹיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, מַלְכָּה תִּחְיֶ' אִיז רוֹב וֶועג גֶעוֶוען רוּאִיג אִין שְׁטִיל, אוּן מַאמִי הָאט אוֹיךְ גֶעקֶענְט שְׁלָאפְן.

***מָאנְטָאג פַּרְשַׁת בְּהַר, כ"ז לָעֹמֶר***

מָאנְטָאג בְּעֶרֶךְ דְרֵיי אַזֵייגֶער הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. עֶס הָאבְּן מִיךְ אָפְּגֶעוַוארְט דִי גַבָּאִים פוּן יְרוּשָׁלַיִם שׁוּל, זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעבְּרֶענְגְט אַ קַאוֶוע אוּן מִיר הָאבְּן זִיךְ אַבִּיסְל מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט דִי אוֹצְרוֹת וָואס מִיר הָאבְּן.

אוֹיךְ זֶענֶען גֶעקוּמֶען פוּן בְּנֵי בְּרַק אַפָּאר אִינְגֶעלַייט מִיט בָּחוּרִים, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט הֲנָאָה גֶעהַאט אַז זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען; יֶעדֶע זַאךְ הָאט זַיין פְּלַאץ אוּן מֶען דַארְף הָאבְּן שֵׂכֶל וואוּ צוּ קוּמֶען אוּן וואוּ נִישְׁט צוּ קוּמֶען. אִיךְ הָאבּ זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, אָבֶער דִיר זָאג אִיךְ אַז נִישְׁט אִיבֶּערָאל דַארְף מֶען זִיךְ אַרַיינְשְׁטוּפְּן, מֶען דַארְף ווִיסְן וואוּ צוּ קוּמֶען.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין בְּנֵי בְּרַק צוּ אוּנְזֶער חֵדֶר, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער, זֵיי מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אוֹיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען דִי מְלַמְּדִים. מִיר הָאבְּן גָאר טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, אַבָּא חַיָּא רֵייזְמַאן מִיט יִשְׂרָאֵל סוֹפֵר זֶענֶען זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע מְלַמְּדִים. אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, אוּן גֶערֶעדְט צוּ דִי מְלַמְּדִים פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד אוּן לֶערְנֶען מִיט סַבְלָנוּת.

פוּן חֵדֶר בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם שׁוּל, מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶוענְט מִנְחָה אוּן

גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט שְׁאֵלוֹת און פון דֶעם אִיז גֶעוָוארְן אַ שֵׁיינֶער שְׁמוּעֶס, מֶען הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט פון הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶועג, נִישְׁט צוּ מַאכְן קֵיין תַּעֲנִיתִים, נִישְׁט מַאכְן קֵיין סִיגוּפִים, נָאר עוֹסֵק זַיין אִין רֶעדְן פָּשׁוּטְ'עֶ וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ גוּטֶע פְרֵיינְד, און אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פון דִי אַנְדֶערֶע וֶועג וְכוּ', נָאר פון עוֹסֵק זַיין אִין תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

נָאכְן שְׁמוּעֶסְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בִּין אִיךְ אַרִיבֶּער צוּם שְׁטוּב פוּנֶעם גַבְּאֵי יוֹאֵל לֶעוִוי, דֶער בַּעַל מְחַבֵּר פון דִי קוּנְטְרֵסִים 'אֲשִׁית עֵצוֹת בְּנַפְשִׁי', עֶר שְׁרַייבְּט אַרָאפּ וֶועכְנְטְלִיךְ דִי לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּרִים מִיט דִי שְׁמוּעֶסְן און מַאכְט פון דֶעם סְפָרִים, און מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ' און מְחַזֵּק. וואוּ אִיךְ בִּין נָאר גֶעגַאנְגֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֶענֶען גֶעקוּמֶען מֶענְטְשְׁן זִיךְ זַייעֶר בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים.

מִיר הָאבְּן דָארְט גֶעלֵייגְט קֶערְנְדְלֶעךְ פַאר אַ בֵּית פֵּיגָא שׁוּלֶע, מִיר הָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ עֶפֶענֶען קוּמֶענְדִיגְן זְמַן נָאךְ אַ בֵּית פֵּיגָא שׁוּלֶע, דִי דְרִיטֶע בֵּית פֵּיגָא שׁוּלֶע אִין אֶרֶץ הַקּוֹדֶשׁ.

דָאס אִיז נִיסֵי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט, אַז מִיט קוֹים דְרֵיי יָאר צוּרִיק הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט דִי חֵדֶר אִין יְרוּשָׁלַיִם מִיט צְוֵויי קִינְדֶער, און הַיינְט אִיז דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיבֶּער זִיבֶּעצִיג תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת וָואס לֶערְנֶען אִין אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ דַחֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב עַל טָהֳרַת הַקּוֹדֶשׁ, אָן נֶעמֶען קֵיין אֵיין שֶׁקֶל פון דִי מְדִינָה שֶׁל גֵיהִנוֹם, און אָן קַיין עֲשִׁירִים, נָאר אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעבּוֹיט דִי קְלוֹיז אִין אוּמַאן נִישְׁט מִיט גֶעלְט פון עֲשִׁירִים - נָאר מִיט דִי רְצוֹנוֹת און בֶּענְקֶענִישׁ פון דִי אָרֶעמֶעלַייט".

מִיר הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט קַיין מִירוֹן, דֶער מְנַהֵל הַמּוֹסְדוֹת פון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, יִצְחָק, עֶר הָאט מִיךְ גֶענוּמֶען קַיין מִירוֹן, אַלֶעס אִיז אַרִיבֶּער בְּשָׁלוֹם.

מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶוענְט מַעֲרִיב מִיט דִי בָּחוּרִים, דִי בָּחוּרִים פון אוּנְזֶער יְשִׁיבָה פון יְרוּשָׁלַיִם זֶענֶען גֶעקוּמֶען פַאר צְוֵויי טֶעג זַיין מִיט מִיר, אִיךְ הָאבּ

זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט צוּ זַיין מִיט זֵיי, זִיךְ אָפְּגֶעבְּן פְּרִיוַואט מִיט זֵיי, אִיךְ הָאבּ זֵיי אַלֶעמֶען שֵׁיין בַּאגְרִיסְט.

נָאךְ מַעֲרִיב הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט מִיט זֵיי אַ בְּלַאט גְּמָרָא, אִיךְ הָאבּ הַנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין מִיט זֵיי יֶעדֶע רֶגַע, יֶעדֶע מִינוּט.

*דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת בְּהַר, כ"ח לָעֹמֶר*

אֵיינְס אַזֵייגֶער בַּיינַאכְט בִּין אִיךְ זִיךְ גֶעגַאנְגֶען לֵייגְן שְׁלָאפְן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁלָאפְן מֶער וִוי דְרֵיי שָׁעָה, מַלְכָּה'לֶע הָאט גֶעוֵויינְט רוֹב נַאכְט; אַ הַאלְבֶּע נַאכְט הָאט מַאמִי איר פְּרוּבִּירְט אַיינְצוּשְׁלֶעפְן אוּן פִיר אַזֵייגֶער הָאבּ אִיךְ אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, בִּיז אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעקֶענְט אַיינְשְׁלֶעפְן, בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְט אוֹיף דִי גֶעסְלֶעךְ אִין מִירוֹן, גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי חֶסֶד חִינָם וָואס עֶר הָאט מִיט מִיר גֶעטוּן, אַז אִיךְ וֵוייס פוּן אַ רֶבִּי וָואס אִיז אַ רֶבִּי אוֹיף אַלֶע רֶבִּי'ס, אַ רֶבִּי וָואס בְּרֶענְגְט מִיךְ נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ רֶבִּי וָואס מַאכְט מִיךְ טְרַאכְטְן פוּן עָלְמָא דְאָתֵי, אַ רֶבִּי וָואס וַוייזְט מִיר וִוי צוּ לֶעבְּן דָא בָּזֶה הָעוֹלָם מִיט אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, זַיין פַּארְנוּמֶען, זַיין גוּט אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט - אוּן אוֹיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען בַּיי דִי דִירָה פוּן דִי בָּחוּרִים אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט דִי בָּחוּרִים. אִיךְ הָאבּ מְסַיֵּים גֶעוֶוען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, גֶעזָאגְט חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, גֶעלֶערְנְט תִּיקוּנִים אוּן נָאכְדֶעם גֶעדַאוֶוענְט שַׁחֲרִית מִיט דִי בָּחוּרִים. נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ שִׁיעוּר, דֶעם בְּלַאט גְּמָרָא. נָאכְן לֶערְנֶען בִּין אִיךְ אַרִיבֶּער צוּ זֵיידִי אִין חָצֵר מִיט דִי בָּחוּרִים הֶעלְפְן אָנְגְרֵייטְן דָאס עֶסְן פַאר דִי גֶעסְט וָואס קוּמֶען לַ"ג בָּעֹמֶר, מִיר הָאבְּן אָנְגֶעגְרֵייט קוּגְל, פִישׁ אוּן נָאךְ אַסַאךְ גוּטֶע עֶסְן פַאר לַ"ג בָּעֹמֶר.

אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר דִי בָּחוּרִים, וֶוען מֶען זֶעט אַ שֵׁיינֶע פַּאלַאץ, מֶען וִויל אַרַיינְגֵיין צוּם קֶענִיג, נִישְׁט יֶעדֶער קֶען אַרַיינְגֵיין; נָאר דִי גְרוֹיסֶע שָׂרִים, דִי שׁוּשְׁקֶעס, נָאר זֵיי קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע הֵיכָלוֹת, אָבֶּער אִין קָאךְ - שֵׁיילְן יְרָקוֹת אוּן רֵיינִיגְן - דָארְט קֶענֶען יָא קוּמֶען פָּשׁוּטְ'עֶ לַייט; מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אַז עֶס קוּמְט אַ גְרוֹיסֶער טָאג 'לַ"ג בָּעֹמֶר', אַלֶע ווִילְן זִיךְ

אַרַיינְשְׁטוּפְּן אִין הֵיכַל פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אָבֶער אִין קָאךְ, אָנְגְרֵייטְן דִי עֶסְן פַאר דִי אַלֶע גֶעסְט – דָארְט קֶענֶען אוֹיךְ מִיר פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן קוּמֶען אוּן הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי הִלוּלָא.

שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶוענְט מִנְחָה אוּן גֶעגֶעבְּן אַ שִׁיעוּר הִתְחַזְּקוּת אוּן גֶעדַאוֶוענְט מַעֲרִיב.

*מִיטְוָואךְ, פֶּסַח שֵׁנִי, חֶסֶד שֶׁבְּהוֹד*

דִינְסְטָאג בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין מִירוֹן, גֶעדַאוֶוענְט מִיט דִי יְשִׁיבָה – דִי בָּחוּרִים פוּן יְרוּשָׁלַיִם. נָאכְן דַאוֶונֶען הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט אִינְאֵיינֶעם, אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט סֵפֶר תִּיקוּנִים. וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין מִירוֹן הָאט עֶר בְּעִיקָר עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין זָאגְן זוֹהַר; הַלְוַאי זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר תִּיקוּנֵי זוֹהַר, עֶס רֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה, עֶס בְּרֶענְגְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאךְ שַׁחֲרִית אִיז גֶעקוּמֶען אַ חָתָן פוּן צְפַת, עֶר זָאגְט מִיר אַז עֶר הָאט גְרוֹיס הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר אַלֶעס וָואס דִי שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק פוּן רֶבִּי'ן הָאט גֶעטוּן מִיט אִים, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט וָואס פַאר אַ מַתָּנָה עֶר קֶען מִיר גֶעבְּן, עֶר הָאט מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז עֶר וַוארְפְט אַוֶועק זַיין סְמַארְטְפָאוֹן, דָאס אִיז אַ מַתָּנָה פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַארְן אִים אַזוֹי אוֹיפְהֵייבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס אִיז מִיר גֶעקוּמֶען טְרֶערְן פוּן פְרֵייד, אִיךְ הָאבּ דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר מַאמִי. עֶס אִיז נִישְׁט צוּ בַּאגְרֵייפְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מַאכְט מִיט אוּנְז, עֶר שְׁלֶעפְּט אוּנְז אַרוֹיס פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו – צוּ דִי שֶׁענְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

פְּלוּצְלוּנְג זָאגְט מֶען מִיר אַז דִי פָּאלִיצֵיי זֶענֶען אִינְדְרוֹיסְן, מֶען פַארְטְרַייבְּט אַלֶעמֶען, מֶען פַארְשִׁיקְט יֶעדְן אֵיינֶעם, מִיר הָאבְּן פַארְשְׁלָאסְן דִי טִיר אוּן וַוייטֶער גֶעלֶערְנְט אִין דִי דִירָה. דִי יָאר הָאבְּן אַלֶע גֶעדַארְפְט אַלֵיין שְׁפִּירְן אַ בְּרֶעקְל פוּן וָואס מֶען זִינְגְט בַּיי וַאֲמַרְתֶּם כֹּה לֶחָי: "הֶחְבָּא בְּתוֹךְ מְעָרָה", רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז גֶעוֶוען בַּאהַאלְטְן אִין הֵייל – "מִפְּנֵי הַגְּזֵרָה" צוּלִיבּ דִי רוֹימֶער.

בַּיי מִנְחָה אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַפָּאר חֲבֵרִים פוּן יְרוּשָׁלַיִם, אוֹיךְ שִׁמְעוֹן עוֹזֵר דֶער מַדְפִּיס פוּן יְרוּשָׁלַיִם אִיז אָנְגֶעקוּמֶען. עֶר הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ אִיךְ

ווייל גֵיין קַיין טְבֶרְיָ' גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר, אִיךְ זָאג אִים: "וָואס אִיז מִיט דִיר? מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין, מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען", זָאגְט עֶר מִיר אַז עֶר נֶעמְט אַחְרַיוּת מִיךְ צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען קַיין מִירוֹן. אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט, ווייל אִיךְ הָאבּ אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָואלְט גֵיין קַיין יַבְנְאֵל צוּ מוֹהֲרָא"שְׁ'ס צִיּוּן, זִיךְ אַבִּיסְל מִתְבּוֹדֵד זַיין דָארְט, אוּן בֶּעטְן פַאר מִיר, פַאר דִיר, פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אוּן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

מַאמִי אִיז אוֹיךְ מִיט גֶעקוּמֶען, אוֹיךְ שְׁלֹמֹה, אוֹיךְ מַלְכָּה'לֶע. צוּם עֶרְשְׁט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן צוּ דִי בֵּית פֵיגָא סְקוּל, עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ דִירָה, קְלֵיין אוּן שֵׁיין. עֶס הָאט מִיר דֶערְמַאנְט ווִי מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּנְזֶער בֵּית פֵיגָא אִין אַמֶערִיקֶע, אִין אַ קְלֵיינֶע חָתָן כַּלָּה דִירָה אִין אַ שְׁלָאף צִימֶער, אוּן הַיינְט אִיז עֶס אַזוֹי צוּאוַואקְסְן.

פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן צוּ דִי חֵדֶר, דִי חֵדֶר גֶעפִינְט זִיךְ אִין אוּנְזֶער שׁוּל אִין טְבֶרְיָה, אוֹיךְ אַ דִירָה, קְלֵיין אוּן שֵׁיין. דָארְט אִיז דָא צְוֵויי טַייעֶרֶע מְלַמְדִים יוֹסְל סַאקְס, מִיט דָוִד אַנְשִׁין. אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט דִי קִינְדֶער אוּן מִיט דִי מְלַמְדִים, עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ אַ גֶעשְׁמַאקֶע לוּפְט, דִי קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ חֵדֶר, זֵיי הָאבְּן לִיבּ דֶעם מְלַמֵד, מֶען לֶערְנְט מִיט סַבְלָנוּת, מִיט גֶעפִיל.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן אוּנְזֶער חֵדֶר אוּן אוּנְזֶער בֵּית פֵיגָא אִין טְבֶרְיָה, דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף מִיט אֱמוּנָה, דִי מְלַמְדִים אוּן דִי לֶערֶערִינְס זֶענֶען אַזוֹי הַארְצִיג צוּ דִי קִינְדֶער, מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - מִיט אַזוֹיפִיל הַארְץ, מִיט אַזוֹיפִיל סַבְלָנוּת, אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָכִינוּ אַז עֶס בּוֹיעֶן זִיךְ תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס מִיט בֵּית פֵיגָא שׁוּלֶעס צוּבִּיסְלִיךְ אִין אַלֶע שְׁטֶעט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מֶען בּוֹיעֶט אוֹיף אַ פְרִישֶׁע דוֹר גֶעטְרֵייעֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן אוֹיף אַ גֶעזוּנְטֶע אוֹפֶן, מֶען צֶעדְרֵייט נִישְׁט דָאס נֶפֶשׁ זֵייעֶרֶע, מֶען לֶערְנְט מִיט לִיבְּשַׁאפְט, מִיט גֶעפִיל, מִיט סַבְלָנוּת.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין יַבְנְאֵל בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר. עֶס אִיז אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ, מֶען קֶען פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, עֶס אִיז אַ פְּלַאץ צוּ פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת. מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרֵייבְּט אִין דִי צַוָואָה (צַוָואַת מוֹהֲרָא"שׁ, סִימָן ה): "וּכְמוֹ בַּחַיִּים חַיּוּתִי נִתְעוֹרְרוּ עַל יְדֵי אֲנָשִׁים

בִּתְשׁוּבָה", אַזוֹי ווִי ווֶען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶעבְּט זֶענֶען דוּרְךְ מִיר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן מֶענְטְשְׁן תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "כְּמוֹ כֵּן עַכְשָׁיו לְאַחַר הִסְתַּלְּקוּתִי לְעֵילָא כְּשֶׁיָּבוֹאוּ אֶל קִבְרִי יִתְעוֹרְרוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה", אַזוֹי אוֹיךְ נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר וֶועט מֶען אוֹיךְ נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, "וְיַמְשִׁיכוּ לְעַצְמָם יְשׁוּעוֹת וּפְלָאוֹת בְּעֶזְרָתוֹ יִתְבָּרַךְ, וְאֶהְיֶה לָהֶם לְמֵלִיץ יוֹשֶׁר בַּשָּׁמַיִם, וְלֹא אָנוּחַ וְלֹא אֶשְׁקוֹט עַד שֶׁיִּהְיֶה לְמִי שֶׁבָּא אֶל קִבְרִי לְהִתְפַּלֵּל וְלִלְמוֹד יְשׁוּעָה שְׁלֵימָה מִן הַשָּׁמַיִם", אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט רוּעֶן בִּיז אִיךְ וֶועל פּוֹעֵל'ן פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ יְשׁוּעָה.

וֶוען מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען קַיין יַבְנְאֵל זֶעט שְׁלֹמֹה אַז עֶר הָאט נִישְׁט זַיין הוּט, עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעהָאלְפְן מַאמִי אַרַיינְלֵייגְן דִי קֶערִידְזְשׁ אִין קַאר הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעלֵייגְט זַיין הוּט אוֹיפְן דַאךְ פוּן קַאר אוּן עֶר הָאט פַארְגֶעסְן אַרַיינְצוּלֵייגְן זַיין הוּט אִין קַאר. מִיר הָאבְּן גְלַייךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל קֶענֶען טְרֶעפְן זַיין הוּט, אוּן בִּיז אַפָּאר מִינוּט קוּמְט אָן אַ קַאר צוּם צִיוּן מִיט דִי הוּט, זֵיי הָאבְּן עֶס גֶעטְרָאפְן אוּן גֶעזֶען זַיין נָאמֶען, אוּן גֶעבְּרֶענְגְט.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט גֵיין צוּ רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א נֶעמֶען שָׁלוֹם, לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אִין יַבְנְאֵל אַז עֶר פִירְט זִיךְ אַלֶע יָארְן צוּ זַיין פֶּסַח שֵׁנִי אִין יְרוּשָׁלַיִם, (אוֹיךְ זֵיידִי פוּן קַארְלְסְבּוּרְג זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט אַלֶע יָארְן זַיין פֶּסַח שֵׁנִי אִין יְרוּשָׁלַיִם, עֶר פְלֶעגְט גֵיין צוּ קֶבֶר שִׁמְעוֹן הַצַּדִּיק אוּן זִיךְ וַואשְׁן צוּ אַ סְעוּדָה). מִמֵּילָא אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען שַׁייךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן דָארְט אַפָּאר פוּן זַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט צוּ זֵיי.

יַבְנְאֵל הָאט צוּרִיק בַּאקוּמֶען אִיר שֵׁיינְקַייט, ווִי דוּ וֵוייסְט אִיז עֶס גֶעוֶוען נָאכְגֶעלָאזְט זַייט דִי פְּטִירָה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אַסַאךְ פְרוֹיעֶן הָאבְּן גֶעהַאט נָאכְגֶעלָאזְט פוּן דִי צְנִיעוּת, פוּן זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר, אוּן נָאךְ אַסַאךְ זַאכְן וָואס הָאט גֶעדַארְפְט אַ תִּיקּוּן, אוּן הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב אַז עֶס בּוֹיט זִיךְ אַ נַייעֶ הֶערְלִיכֶע דוֹר, רֶבִּי יִצְחָק בּוֹיט אַ הֶערְלִיכֶע קְהִילָה, דִי פְרוֹיעֶן טוּעֶן זִיךְ אָן זֵייעֶר אֵיידֶל אוּן פִירְן זִיךְ אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעוָואלְט; דֶעם רֶבִּי'נְ'ס טִישׁ

װערט שֶׁענֶער און שֶׁענֶער, אַלֶעס בִּזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַלֶעס בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים.

אִיךְ בִּין צוּרִיק גֶעפָאהרְן קַיין טְבֶרְיָ' צוּ אוּנְזֶער שׁוּל, גֶעגֶעבְּן אַ שְׁמוּעֶס פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. מֶען הָאט גֶערֶעדְט פוּן פֶּסַח שֵׁנִי; מֶען זֶעט יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט נָאךְ דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ װערְן אַ צַדִּיק, אֲפִילוּ מֶען אִיז גֶעוֶוען אִין דִי יוּגְנְט בִּבְחִינַת: "אֲנַחְנוּ טְמֵאִים לְנֶפֶשׁ אָדָם" (בַּמִּדְבָּר ט, ז), מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אַ רֵיינֶע יוּגְנְט, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאט פֶּסַח רִאשׁוֹן, און אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל אָן אַן אוֹיפְהֶער: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, 'לָמָּה נִגָּרַע', פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ? פַארְוָואס קֶען אִיךְ נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין הֵיילִיג? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל זַיין דָבוּק צוּ דִיר"** - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ פֶּסַח שֵׁנִי.

מִיר הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען צוּ אָנְנֶעמֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיב): "לְעִנְיַן הִתְחַזְּקוּת לְבַל יִפֹּל הָאָדָם בְּדַעְתּוֹ מֵחֲמַת רִבּוּי הַפְּגָמִים וְהַקִּלְקוּלִים שֶׁקִּלְקֵל עַל יְדֵי מַעֲשָׂיו", װען מֶען טְרַאכְט 'וָואס װעט זַיין מִיט מִיר, אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל פּוֹגֵם גֶעוֶוען, אַזוֹיפִיל גֶעטוּן נַארִישְׁקֵייטְן', "עָנָה וְאָמַר", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִם אַתָּה מַאֲמִין, שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל", אַז דוּ גְלֵייבְּסְט אִין דֶעם אַז דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען און גֶעטוּן נַארִישְׁקֵייטְן, "תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", דַארְפְסְטוּ גְלֵייבְּן אַז דוּ קֶענְסְט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן; מִיר דַארְפְן גְלֵייבְּן אִין דֶעם, און נָאר אַזוֹי װעלְן מִיר קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן.

נָאכְן שִׁיעוּר אִין טְבֶרְיָה הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוֹיפְגֶענוּמֶען קָאפְּלְס. פְּלוּצְלוּנְג הָאט מֶען גֶעהֶערְט אַן אוֹיפְרַייס, אִין אָנְהוֹיבּ הָאבְּן מִיר גֶעמֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ בָּאמְבֶּע פוּן דִי מִלְחָמָה, מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אָבֶּער מִיט דִי הִתְחַזְּקוּת פוּן רֶבִּי'ן זֶענֶען מִיר אַלֶע גֶעבְּלִיבְּן רוּאִיג און פְרֵיילִיךְ, שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן מִיר גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט פוּן דִי מִלְחָמָה.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן צוּ קֶבֶר רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס, עֶס אִיז אָנְגֶענוּמֶען אַז פֶּסַח שֵׁנִי אִיז דִי יָארְצַייט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא. אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר און פַאר אַלֶע אִידְן מֶען זָאל הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס.

פֶּסַח שֵׁנִי אִיז גֶעוָוארְן אַ יָאר פוּן דַיין בַּר מִצְוָה, פַארְיָאר הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּר מִצְוָה הָאבְּן אִין מִירוֹן, אוֹיךְ זֵיידִי הָרַב מָרְדְּכַי אַהֲרֹן מֵייזְלִישׁ שְׁלִיטָ"א אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן לְכָבוֹד דַיין בַּר מִצְוָה. אַז דוּ ווִילְסְט זִיךְ עֶפֶּעס גוּטְס פָּארְנֶעמֶען לְכָבוֹד דַיין גֶעבּוּרְטְסְטָאג זָאלְסְטוּ זִיךְ פָּארְנֶעמֶען נִישְׁט צוּ רֶעדְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תְּפִלִּין. הַיינְט הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט אַ בָּחוּר פוּן דִי יְרוּשָׁלַיִם יְשִׁיבָה, אַ בְּנֵי בְּרַק'עֶר בָּחוּר, וָואס עֶר קֶען זִיךְ פָּארְנֶעמֶען לְכָבוֹד זַיין גֶעבּוּרְטְסְטָאג, הָאבּ אִיךְ אִים אוֹיךְ גֶעזָאגְט דָאס, עֶר זָאל זִיךְ פָּארְנֶעמֶען נִישְׁט צוּ רֶעדְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תְּפִלִּין. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט (רְגָעֵי מוֹהֲרָא"שׁ, סְעִיף קָטָן י) אַז פַאר זַיין בַּר מִצְוָה הָאט אִים זַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם גֶענוּמֶען צוּם בֶּעלְזֶער רָב נֶעמֶען אַ בְּרָכָה, זַיין טַאטֶע דֶער טָאקַייעֶר רָב אִיז שׁוֹין גֶעפָארְן דֶעמָאלְט קַיין אַמֶעריקֶע, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי דִי בַּר מִצְוָה, נָאר דִי מַאמֶע אִיז גֶעוֶוען מִיט מוֹהֲרָא"שׁ. דֶער הֵיילִיגֶער בֶּעלְזֶער רָב הָאט אִים אָנְגֶעזָאגְט דְרֵיי זַאכְן: א - עֶר זָאל נִישְׁט רֶעדְן מִיט דִי תְּפִילִין, ב - עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוּם דְרֵייעֶן בַּיים דַאוֶונֶען, ג - עֶר זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַ גוּף נָקִי (עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: "וֶוען מֶען רֵיינִיגְט זִיךְ דַארְף מֶען נוּצְן אַסַאךְ פַּאפִּיר"; עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעזָאגְט אַפָּאר מָאל "אַסַאךְ פַּאפִּיר"), אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט דָאס מְקַיֵּים זַיין וֶועסְטוּ אוֹיסְוַואקְסְן אַ גָּדוֹל בְּיִשְׂרָאֵל"; זָאלְסְטוּ זִיךְ פָּארְנֶעמֶען לְכָבוֹד דַיין גֶעבּוּרְטְסְטָאג נִישְׁט צוּ רֶעדְן מִיט דִי תְּפִילִין, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע קְדוּשׁוֹת.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין טְבֶרְיָה הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַז דִי פָּאלִיצַיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ זֵיידִי שְׁלִיטָ"א אוּן אִים גֶעבִּינְדְן דִי הֶענְט אִים צוּ לֵייגְן אִין תְּפִיסָה, פַארְן זַיין אִין מִירוֹן קֶעגְן זֵייעֶר ווִילְן. אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן, מִיר הָאבְּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַז אַלֶעס זָאל זַיין גוּט, נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעהֶערְט אַז מֶען הָאט אִים גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְט גֶעטוּן, נָאר נָאכְאַמָאל גֶעוָוארֶענְט אַז דִי קָאךְ, דִי חָצֵר מִיט דִי שׁוּל - מוּזְן זַיין פַארְשְׁפַּארְט.

אוֹיפְן וֶועג צוּרִיק הָאט מֶען שׁוֹין גֶעזֶען אַז דִי וֶועגְן זֶענֶען פַארְשְׁפַּארְט, נִישְׁטָא קַיין וֶועג אָנְצוּקוּמֶען צוּרִיק קַיין מִירוֹן. מִיר הָאבְּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען,

און שִׁמְעוֹן עוֹזֵר הָאט אונְז גֶענוּמֶען אוֹיף אַ וֶועג דוּרְךְ דִי וַואלְד, אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְמַאנְט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט: "אִיךְ פִּיר עֶנְק אוֹיף אַ נַייעֶ וֶועג וָואס פִּירְט צוּרִיק צוּם אַלְטְן וֶועג"; מֶען אִיז גֶעפָארְן שְׁטִילֶע וֶועגְן, גֶעדְרֵייטֶע און זַאמְדִיגֶע, בִּיז מִירוֹן אָן זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן.

דִי בָּחוּרִים זֶענֶען אַהֵיים, נִישְׁט מַחֲמַת פַּחַד, נָאר אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן פָארְאוֹיס, אַז זֵיי קוּמֶען אוֹיף צְוֵויי טֶעג.

דִי קַאר הָאט עֶר פַּארְקִירְט אִינְדְרוֹיסְן אוֹיפְן שָׁאסֵיי און מִיר זֶענֶען אַרַיין צוּפִיס. עֶס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען דִי פָּאלִיצֵיי און זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אַרַיינְגֶעלָאזְט, מִיר הָאבְּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ מַאכְן תְּפִלּוֹת: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מֶען זָאל אוּנְז צוּרִיק אַרַיינְלָאזְן אִין מִירוֹן", מַאמִי הָאט גֶעבֶּעטְן אִין עֶנְגְלִישׁ: "מִיר ווִילְן קוּמֶען דַאוֶוענֶען דָא", (וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי אִין עֶנְגְלִישׁ הָאבְּן זֵיי מֶער דֶרֶךְ אֶרֶץ), הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: "עֶנְק קֶענֶען אַרַיינְגֵיין".

***דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת בְּהַר, ל' לָעֹמֶר***

אִיךְ בִּין צוּרִיק גֶעקוּמֶען גָאר שְׁפֶּעט פוּן טְבֶרְיָה, אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף בִּיז וָתִיקִין, שְׁלֹמֹה הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיף אַ שָׁעָה. פִּיר אַזֵייגֶער פַּארְטָאגְס בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה און אַרוֹיף מִיט זֵיידִי און מִיט שְׁלֹמֹה דַאוֶוענֶען אִין דִי מַעֲרָה. דִי וֶועג אַרוֹיף אִיז גֶעוֶוען לֵיידִיג, דִי גַאסְן אִין מִירוֹן זֶענֶען גֶעוֶוען לֵיידִיג, אָבֶּער וֶוען מֶען קוּמְט אַרַיין אִין דִי מַעֲרָה זֶעט מֶען גָארְנִישְׁט קַיין פָּאלִיצֵיי, פַּארְטָאגְס אִיז דִי מַעֲרָה גֶעוֶוען אָנְגֶעפִילְט מִיט הוּנְדֶערְטֶער אִידְן וָואס גְרֵייטְן זִיךְ צוּם דַאוֶוענֶען, אִיךְ הָאבּ גוֹמֵל גֶעבֶּענְטְשְׁט נָאךְ קְרִיאַת הַתּוֹרָה.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַבִּיסְל אַרָאפְּגֶעלֵייגְט און זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן דִי קוֹלוֹת פוּן בָּאמְבֶּעס, דִי קוֹלוֹת זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק, דִי בָּאמְבֶּעס זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען אִין מִירוֹן, נָאר גָאר וַוייט אַוֶועק.

רוֹב טָאג בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין חָצֵר, נִישְׁט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב, וַוייל דִי פָּאלִיצֵיי זֶענֶען אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אַרוֹיסְטְרַייבְּן פוּן דִי דִירוֹת, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט מַיינֶע שִׁיעוּרִים בַּיי מִיר אִין דִי דִירָה.

מִנְחָה הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶוענְט בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אִין דִי מַעֲרָה, נָאךְ

מִנְחָה בִּין אִיךְ אַרוֹיף מִיט מַאמִי אוּן מִיט שְׁלֹמֹה צוּ זֵיידִי'ס צִיוּן, מִיר הָאבְּן דָארְט אַסאךְ מִתְפַּלֵל גְעוֶוען. נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ צוּרִיק אִין דִי מַעֲרָה, גֶעלֶערְנְט מַיינֶע שִׁיעוּרִים, חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן בְּעֶרֶךְ צֶען בְּלַאט גְמָרָא, גֶעדַאוֶוענְט מַעֲרִיב אוּן אַרָאפּ גֶעקוּמֶען מִיט זֵיידִי.

עֶס אִיז גֶעוֶוען שְׁמוּעוֹת אַז דִי פָּאלִיצַיי גֵייעֶן פוּן שְׁטוּב צוּ שְׁטוּב אוּן מֶען טְרָאגְט אַרוֹיס דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס וואוֹינֶען נִישְׁט אִין מִירוֹן, מִיר הָאבְּן זִיךְ אַבִּיסְל דֶערְשְׁרָאקְן, מִיר הָאבְּן זִיךְ פַארְשְׁפַּארְט אִין דִי דִירָה אוּן פַארְלָאשְׁן דִי לֶעקְטֶער.

***עֶרֶב שַׁבָּת פָּרָשַׁת בְּהַר, ל"א לָעֹמֶר***

אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ וִויל אוֹיפְשְׁטֵיין צוּ וָתִיקִין, פִיר אַזֵייגֶער הֶער אִיךְ אַ שְׁטַארְקֶע אוֹיפְרַייס פוּן אַ בָּאמְבֶּע, דָאס הָאט מִיךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן בֶּעט. שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַז דִי בָּאמְבֶּע אִיז גֶעפְלוֹיגְן פוּן אִירַאק, עֶס אִיז גֶעפַאלְן נֶעבְּן צְפַת. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָפְּגֶעגָאסְן נֶעגְל וַואסֶער אוּן גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה. אָנְהוֹיבּ הָאט מִיר זֵיידִי גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל נִישְׁט אַרוֹיפְגֵיין מִיט אִים דַאוֶוענֶען אִין דִי מַעֲרָה, וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען שְׁמוּעוֹת אַז דִי פָּאלִיצַיי כַאפְּן דִי מֶענְטְשְׁן אוּן מֶען טְרָאגְט זֵיי אַרוֹיס פוּן מִירוֹן, אוּן נָאר דִי וָואס וואוֹינֶען אִין מִירוֹן דִי מֶעגְן זַיין. זֵיידִי הָאט אַ דִירָה, עֶר אִיז גֶערֶעכְנְט וִוי אַן אַיינְוואוֹינֶער, זֵיידִי אִיז אַלֵיין אַרוֹיף, אָבֶּער נָאךְ אַפָּאר מִינוּט הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט, דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רמט): "עִקַּר הַגְּבוּרָה בְּהַלֵּב", דֶער עִיקַר שְׁטַארְקֵייט אִיז אִין הַארְץ, "כִּי מִי שֶׁלִּבּוֹ חָזָק וְאֵינוֹ מִתְיָרֵא מִשּׁוּם אָדָם וּמִשּׁוּם דָּבָר", וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ שְׁטַארְקֶע הַארְץ אוּן הָאט נִישְׁט מוֹרָא, "יָכוֹל לַעֲשׂוֹת גְּבוּרוֹת נוֹרָאוֹת", קֶען מַאכְן גְרוֹיסֶע זַאכְן, "וְלִכְבֹּשׁ הַמִּלְחָמוֹת", אוּן אַיינְנֶעמֶען מִלְחָמוֹת, "עַל יְדֵי חֹזֶק וְתֹקֶף לִבּוֹ שֶׁאֵינוֹ מִתְיָרֵא וְרָץ לְתוֹךְ תֹּקֶף הַמִּלְחָמָה", דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שְׁרֶעק אוּן מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע הַארְץ.

אִיךְ בִּין אַרוֹיף מִיט מַיין שְׁוָואגֶער אִיתָמָר לֵייפֶּער, אָנְהוֹיבּ וֶועג הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַבִּיסְל פְּחָדִים אַז מֶען קֶען אוּנְז כַאפְּן אוּן אַוֶועק פִירְן פוּן מִירוֹן, אָבֶּער אָנְקוּמֶענְדִיג אוֹיבְן בַּיי דִי מַעֲרָה הָאבְּן מִיר גֶעזֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא

קַיין אֵיין פָּאלִיצֵיי, מִיר הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶועןְ אַז דָאס אִיז מַמָּשׁ דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם חֵלֶק ב׳, סִימָן מו): "שֶׁמֶּלֶךְ אֶחָד הִנִּיחַ אוֹצָר גָּדוֹל בְּמָקוֹם אֶחָד", אַ קֶענִיג הָאט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט אַ גְרוֹיסֶע פַּארְמֶעגְן, "וְסִבֵּב בַּאֲחִיזַת עֵינַיִם כַּמָּה וְכַמָּה חוֹמוֹת סְבִיב הָאוֹצָר", אוּן דָאס אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט מוֹיעֶרְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין עֶכְטֶע מוֹיעֶרְן, נָאר עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי מוֹיעֶרְן, "וּכְשֶׁבָּאוּ בְּנֵי אָדָם לְאֵלּוּ הַחוֹמוֹת, נִדְמֶה לָהֶם שֶׁהֵם חוֹמוֹת מַמָּשׁ וְקָשֶׁה לְשַׁבְּרָם", אָבֶּער פַאר דִי אוֹיגְן פוּן מֶענְטְשְׁן הָאט דָאס אוֹיסְגֶעזֶען וִוי עֶכְטֶע מוֹיעֶרְן, מֶען הָאט גֶעמֵיינְט מֶען קֶען דָאס נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, "וּקְצָתָם חָזְרוּ תֵּכֶף", אַ טֵייל הָאבְּן זִיךְ גְלַייךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט אוּן אָפְּגֶעלָאזְט, "וּקְצָתָם שִׁבְּרוּ חוֹמָה אַחַת", אַ טֵייל הָאבְּן דוּרְכְגֶעבְּרָאכְן אֵיין מוֹיעֶר, "וּבָאוּ אֶל הַשְּׁנִיָּה וְלֹא יָכְלוּ לְשַׁבְּרָהּ", אָבֶּער בַּיים צְוֵוייטְן מוֹיעֶר הָאבְּן זֵיי אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, "וּקְצָתָם שִׁבְּרוּ יוֹתֵר", אַ טֵייל הָאבְּן נָאךְ מֶער אוֹיפְגֶעבְּרָאכְן, "וְלֹא יָכְלוּ לִשְׁבֹּר הַנִּשְׁאָרִים", אָבֶּער נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶנְדִיגְן, "עַד שֶׁבָּא הַבֵּן מֶלֶךְ", בִּיז דֶער זוּן פוּן קֶענִיג אִיז גֶעקוּמֶען אוּן גֶעזָאגְט, "אָמַר, אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁכָּל הַחוֹמוֹת הֵם רַק בַּאֲחִיזַת עֵינַיִם", אִיךְ וֵוייס אַז דִי אַלֶע מוֹיעֶרְן זֶענֶען נָאר אַן אוֹיגְן פַארְבְּלֶענְדֶענִישׁ, "וּבֶאֱמֶת אֵין שׁוּם חוֹמָה כְּלָל", אוּן עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁטָא קַיין מוֹיעֶרְן, "וְהָלַךְ לָבֶטַח עַד שֶׁעָבַר עַל כֻּלָּם", אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען זִיכֶערְהֵייט אוּן אִיז אַרִיבֶּער אַלֶע מְנִיעוֹת, אוּן דֶער רֶבִּי פִּירְט אוֹיס: "וּמִזֶּה יָבִין הַמַּשְׂכִּיל הַנִּמְשָׁל מֵאֵלָיו", פוּן דִי מָשָׁל קֶען יֶעדֶער אַרוֹיסְנֶעמֶען גוּטֶע חִיזּוּק פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "עַל כָּל הַמְּנִיעוֹת וְהַהֶסְתּוֹת וּפִתּוּיִים שֶׁהֵם בִּבְחִינַת חוֹמוֹת, שֶׁיֵּשׁ עַל אוֹצָר שֶׁל יִרְאַת שָׁמַיִם שֶׁבֶּאֱמֶת אֵינָם כְּלוּם", אוֹיף אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס מֶען הָאט וֶוען מֶען ווִיל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נָאר אִין מֹחַ, עֶס זֶעט נָאר אוֹיס שְׁוֶוער, "וְהָעִקָּר לֵב חָזָק וְאַמִּיץ, וְאָז אֵין לוֹ שׁוּם מְנִיעָה", דֶער עִיקָר דַארְף מֶען הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע הַארְץ.

לְמַעֲשֶׂה אִינְמִיטְן שַׁחֲרִית זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען דִי פָּאלִיצֵיי אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פַּארְטְרַייבְּן, מֶען הָאט זִיךְ אַיינְגֶעבֶּעטְן זֵיי זָאלְן לָאזְן עֶנְדִיגְן שַׁחֲרִית, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט זֵיי גֶעבְּן נָאךְ צֶען מִינוּט, מֶען הָאט שְׁנֶעל גֶעעֶנְדִיגְט דַאוֶונֶען, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהֵייסְן אַרוֹיסְגֵיין. זֵיידִי הָאבְּן זֵיי גֶעלָאזְט בְּלַייבְּן

ווייל װער עס איז אַ תּוֹשָׁב מִירוֹן - הָאט גֶעמֶעגְט בְּלַייבְּן בִּיז זִיבְּן אַזֵייגֶער, מִיךְ הָאבְּן זֵיי גֶעהֵייסְן אַרוֹיסגֵיין. אַרוֹיסְגֵייעֶנְדִיג זָאגְט מִיר אֵיינֶער: "גֶעבּ אַכְטוּנְג, גֵיי נִישְׁט אַרוֹיס דוּרְךְ דִי חָצֵר, ווייל אַלֶע וָואס גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן דָארְט װֶוערְן אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיף אַ בָּאס אוּן מֶען טְרָאגְט אַװֶועק וַוייט פוּן מִירוֹן", יֶענֶער זָאגְט מִיר: "לוֹיף אַרַיין אִין וַואלְד", אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט דִי כֹּחוֹת צוּ לוֹיפְן אִין וַואלְד, אִיבֶּערְשְׁפְּרִינְגֶען דִי צוֹים, אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעבִּינְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַרוֹיס רוּאִיג גֶעלַאסְן. דִי פָּאלִיצֵיי הָאבְּן מִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ דַארְפְסְט גֵיין צוּם בָּאס", אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיךְ וואוֹין דָא, אִיךְ בִּין אַ תּוֹשָׁב מִירוֹן", בֶּעט עֶר מִיר מַיינֶע שְׁרִיפְטְן, זָאג אִיךְ אִים: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט, עֶס לִיגְט אִין שְׁטוּבּ", זָאגְט עֶר מִיר: "דֶעמָאלְט אַרוֹיף אוֹיפְן בָּאס". אִיךְ הָאבּ נָאכְאַמָאל גֶערֶעדְט צוּ זֵיי רוּאִיג מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט: "מַיין וַוייבּ אִיז אִין דִי דִירָה, מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ גֵיי נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ", זָאגְט עֶר מִיר: "דֶעמָאלְט דַארְפְסְטוּ בַּאקוּמֶען רְשׁוּת פוּן קָצִין". אִיךְ הָאבּ זִיךְ גוּט צוּגֶעבִּינְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעמַאכְט מִיט דִי לִיפְּן שְׁטִילֶע תְּפִלּוֹת אוּן גֶערֶעדְט צוּם סַארְדְזְשֶׁענְט רוּאִיג, אִים גֶעקוּקְט אִין דִי אוֹיגְן אוּן אִים גֶעזָאגְט: "מַיינֶע שְׁרִיפְטְן לִיגְט אִין דִי דִירָה", דֶער סַארְדְזְשֶׁענְט זָאגְט מִיר: "קֶענְסְט גֵיין".

אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעלֶערְנְט פוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר אִיז גֶעװֶוען אוֹיפְן װֶועג קַיין אוּמַאן, מֶען הָאט אִים אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעבֶּעטְן זַיין פַּאסְפָּארְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְן פָּאלִיצֵיי: "דוּ מֵיינְסְט אִיךְ פָּאר אָן אַ פַּאסְפָּארְט? ווִי קֶען זַיין אַ מֶענְטְשׁ זָאל פָּארְן אָן אַ פַּאסְפָּארְט?!" עֶר הָאט דָאס גֶעזָאגְט מִיט אַזַא זִיכֶערְקֵייט אַז מֶען הָאט אִים גֶעלָאזְט גֵיין. אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן, אַלֶע מָאל וָואס אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען צוּם מַעֲרָה, אַלֶע מָאל מֶען הָאט מִיר אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן מִיט תְּפִלָּה, הָאט מֶען מִיר גֶעלָאזְט גֵיין.

מִיט מִיר אִיז גֶעװֶוען הַבָּחוּר יוֹשֻׁעַ סוֹפֵר, עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין מִירוֹן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַהֵיים גֵיין, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לוֹיפְן, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: "קוּם מִיט מִיר", עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז מַיין זוּן, דָאס אִיז

נִישְׁט קַיין לִיגְנְט, ווייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין יט:): "כָּל הַמְלַמֵּד בֶּן חֲבֵירוֹ תּוֹרָה כְּאִילוּ יְלָדוֹ", מֶען הָאט אִים אוֹיךְ גֶעלָאזְט גֵיין, מִיר זֶענֶען אַרָאפּ צוּ דִי דִירָה, זִיךְ אַיינְגֶעשְׁפַּארְט און גֶעלֶערְנְט פַאר אַפָּאר שָׁעָה תִּיקוּנִים.

***שַׁבָּת אִין מִירוֹן***

עֶס אִיז גֶעוֶועְן אַ הֶערְלִיכֶער שַׁבָּת, נָאךְ אַזוֹיפִיל שְׁרֶעק פוּן דִי עֵרֶב רַב וָואס הֶערְן נִישְׁט אוֹיף פַּיינִיגְן דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן - אִיז בַּיים זְמַן שַׁבָּת גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אַ רוּאִיגְקֵייט אוֹיף הַר מִירוֹן, אַלֶע פָּאלִיצֵיי זֶענֶען אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, מֶען הָאט גֶעקֶענְט הָאבְן אַ הֶערְלִיכֶע שַׁבָּת.

מִנְחָה הָאבְן מִיר גֶעדַאוֶוענְט בַּיי קַארְלְסְבּוּרְג, נָאךְ מִנְחָה זֶענֶען מִיר אַרוֹיף צוּ דִי מַעֲרָה. אָנְקוּמֶענְדִיג צוּ דִי מַעֲרָה בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין שָׁאק צוּ זֶען טוֹיזְנְטֶער טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן אִין דִי חָצֵר און אִין אַלֶע שְׁטִיבְלֶעךְ, אַ נָאדְל אִיז נִישְׁט אַרַיין אִין דִי מַעֲרָה. נָאכְן אַוֶועק שְׁטֶעלְן אַזוֹיפִיל פָּאלִיצֵיי, נָאכְן אוֹיסְלֵיידִיגְן דִירוֹת נַאכְט נָאךְ נַאכְט זָאלְן זַיין אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן... מֶען הָאט גֶעזֶען דִי הִשְׁתּוֹקְקוּת וָואס אַלֶע הָאבְן צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן, אֲפִילוּ מֶען דַארְף זַיין פַארְשְׁפַּארְט פַאר אַפָּאר טֶעג - אִיז קֵיינֶער נִישְׁט אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען.

זֵיידִי הָאט גֶעזָאגְט פַאר מָאטִי הֶערְצָאג אַז עֶר אִיז זֵייעֶר קְלוּג פַארְן קוּמֶען, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אַז עֶר הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ יָא קוּמֶען אוֹיבּ נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט פַאר קֵיינֶעם צוּ קוּמֶען אִין אַזַא צַייט, און עֶר אַלֵיין הָאט יָא מַחְלִיט גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען אָפְּשֶׁערְן זַיין זוּן, הָאט זֵיידִי גֶעזָאגְט: "זֵייעֶר גוּט, מֶען קֶען נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן פַאר אֵיינֶעם וָואס פְרֶעגְט וְכוּ', אָבֶער אַז מֶען קוּמְט אִיבֶּער אַלֶע מְנִיעוֹת - אִיז זִיכֶער גוּט".

מֹשֶׁה דֶער גַבָּאִי פוּן בְּנֵי בְּרַק'עֶר שׁוּל אִיז גֶעקוּמֶען קַיין מִירוֹן מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה און דִי פָּאלִיצֵיי הָאבְן אִים גֶעכַאפְּט און פַארְטְרִיבְן, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען בֶּערְל לֶעוּוִי לֵיל שִׁישִׁי, עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה און מֶער הָאבּ אִיךְ אִים נִישְׁט גֶעזֶען, קֶען זַיין עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְן פַארְשְׁפַּארְט פוּן שְׁרֶעק בִּיז נָאךְ לַ"ג בָּעֹמֶר, אָדֶער הָאט מֶען אִים אוֹיךְ אַוֶועק גֶעטְרִיבְן.

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס בַּיי קַבָּלַת שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט גוּטֶע הִתְעוֹרְרוּת,

אִיךְ הָאב גֶעקֶענְט זָאגְן אַפָּאר וֶוערְטֶער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פַאר רֶבִּי שִׁמְעוֹן. מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן "בַּר יוֹחָאִי" אוּן "אָמַר רֶבִּי עֲקִיבָא", זֵיידִי הָאט פָארְגֶעזָאגְט אוּן אַלֶע הָאבְּן גֶעעֶנְטְפֶערְט דֶעם זִיסְן נִיגוּן מִיט דִי זִיסֶע וֶוערְטֶער: "אַשְׁרֵיכֶם, אַשְׁרֵיכֶם, אַשְׁרֵיכֶם יִשְׂרָאֵל..."

אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן פוּן דִי אַרוּמִיגֶע וֶועלְדֶער וואוּ זֵיי הָאבְּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן, עֶס זֶענֶען גֶעוֶועןְ בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען פִיר פִינְף שָׁעָה אִין פֶעלְדֶער אוּן אִין וֶועלְדֶער, זֵיידִי אוּן בַּאבִּי הָאבְּן זֵיי זֵייעֶר שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶונְט אִין קַארְלְסְבּוּרְג בַּיי זֵיידִי שְׁלִיטָ"א, זֵיידִי הָאט מִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית, אוּן בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט זֵיידִי מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם דַיין רֶבִּי יוֹנָה זָאל זָאגְן אַפָּאר וֶוערְטֶער. זֵיידִי אִיז אִים זֵייעֶר מְכַבֵּד, עֶר אִיז אַ תַּלְמִיד, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט דָארְט אִין כּוֹלֵל אוּן גֶענוּמֶען שִׁמּוּשׁ.

אוֹיךְ הָאט מִיךְ זֵיידִי מְכַבֵּד גֶעוֶוען צוּ רֶעדְן, אִיךְ הָאב דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְעִילָה יז), אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ גְזֵירָה, דִי רוֹימֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעלָאזְט הַאלְטְן דִי תּוֹרָה, הָאבְּן דִי חֲכָמִים גֶעפְרֶעגְט, וֶועם זָאלְן מִיר שִׁיקְן צוּ מְבַטֵּל זַיין דִי גְזֵירָה? "יֵלֵךְ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי שֶׁהוּא מְלוּמָּד בְּנִסִּים", זָאל רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֵיין, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אִים נִיסִים. דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז אַרַיין אַ שֵׁ"ד אִין דִי קֵיסָר'ס טָאכְטֶער אוּן זִי הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "בְּרֶענְגְט מִיר רֶבִּי שִׁמְעוֹן, בְּרֶענְגְט מִיר רֶבִּי שִׁמְעוֹן", אוּן וֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז גֶעקוּמֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְן שֵׁ"ד זָאל אַרוֹיסְגֵיין, אוּן דֶער קֵיסָר הָאט מְבַטֵּל גֶעוֶוען דִי גְזֵירָה.

הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז אִיז פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע וָואס כַאפְּט זִיךְ אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִיז דָאס אַ שֵׁ"ד וָואס אִיז אִין אִים, וֶוען מֶען הָאט שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת - אִיז דָאס אַ שֵׁ"ד, אוֹיף דֶעם קוּמֶען מִיר צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אוּן מִיר שְׁרֵייעֶן: "רֶבִּי שִׁמְעוֹן, נֶעם אַרוֹיס דֶעם שֵׁ"ד פוּן מִיר, רֶבִּי שִׁמְעוֹן הֵייל מִיךְ אוֹיס".

אויך הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט אַז בַּיי לִימוּד הַזוֹהַר הַאלְטְן מִיר אֵיינִיג אַז דָאס אִיז לִימוּד הַתּוֹרָה, בַּיי מִשְׁנַיוֹת און גְמָרָא אִיז דָא חִלּוּקֵי דֵעוֹת, אִין בְּרֶסְלֶב אִיז זָאגְן - לֶערְנֶען, און אִין קַארלְסְבּוּרְג דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, אָבֶער וֶוען עֶס קוּמְט לַ"ג בָּעֹמֶר דַארְפְן מִיר אַלֶע נֶעמֶען דֶעם זוֹהַר הַקָדוֹשׁ און עוֹסֵק זַיין אִין גִּירְסָא, זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל זוֹהַר, דָאס רֵיינִיגְט און לוֹיטֶערְט דֶעם מֶענְטְשׁ.

מִיר דַארְפְן זִיךְ אוֹיךְ אַבִּיסְל מֶער צוּפְלַייסְן אִין אוּנְזֶער שִׁיעוּר שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי, אַז אוֹיף קוּמֶענְדִיגֶע יָאר זָאלְן מִיר קֶענֶען מְסַיֵים זַיין דֶעם גַאנְצְן סֵפֶר הַזוֹהַר לַ"ג בָּעֹמֶר בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן. מִיר הַאלְטְן פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, פִּינְקְט הַאלְבּ הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט. אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָנְהוֹיבְּן צוּרִיק אוּנְזֶער שִׁיעוּר שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי מִיט דִיר.

בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן נִישְׁט גוּט שְׁפִּירְן, אִיךְ הָאבּ גֶעבְּרָאכְן אַבִּיסְל, אִיךְ בִּין אַרַיין אִין בֶּעט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט.

***מוֹצָאֵי שַׁבָּת, לַ"ג בָּעֹמֶר***

בְּעֶרֶךְ אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה נָאכְן זְמַן אַז גֶעוָוארְן אַ פַּחַד, דִי פָּאלִיצֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען און אוֹיפְגֶעבְּרָאכְן דִירוֹת בַּיי אוּנְז אִין חָצֵר, זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶעבְּרָאכְן דִי שְׁטוּבּ פוּן דַיָין רֶבִּי יוֹנָה שְׁלִיטָ"א, אוֹיךְ דִי דִירָה פוּן מָאטִי הֶערְצָאג, און דִי דִירָה פוּן אֲרִי פִּישׁ. אִיךְ בִּין גֶעשְׁלָאפְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מִיטְגֶעהַאלְטְן, בִּיז מַאמִי הָאט מִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אַז מֶען דַארְף פַארְמַאכְן אַלֶע לֶעקְטֶערְס און אוֹיסְשַׁאלְטֶערְן דִי עֶירְקָאנְדִישְׁן, מֶען זָאל נִישְׁט הֶערְן אַז מִיר זֶענֶען דָא. מַאמִי אִיז גֶעוֶוען אִין בֶּעט, אִיר גַאנְצֶע קֶערְפֶּער הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעטְרֵייסֶלְט פוּן פַּחַד, זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן נִיצְן דִי עֵצָה פוּן חַזֶר'ן אוֹיפְן קוֹל (נִישְׁט צוּ הוֹיעךְ) וֶוערְטֶער פוּן אֱמוּנָה: 'קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן', 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא', 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט וָואס אִיז גוּט פַאר מִיר', זִי הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט הוּנְדֶערְטֶער מָאל בִּיז זִי אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זִיךְ, שְׁפֶּעטֶער הָאט אֵיינֶער גֶערוּפְן זָאגְן אַז זֵיי זֶענֶען אַוֶועק פוּן חָצֵר. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט בְּלַייבְּן מִיט דִי פַּחַד, בִּין אִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי דִירָה מִיט מַאמִי צוּ דִי חָצֵר פוּן זֵיידִי.

מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז דִי פָּאלִיצֵיי זֶענֶען נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ זֵיידִי

און אַוֶועקְגֶעפִירְט הַבָּחוּר שְׁלֹמֹה צְבִי פֶּערְל, זֵיי הָאבְּן אִים דֶערְקֶענְט, וַוייל מֶען הָאט אִים שׁוֹין אַוֶועק גֶעפִירְט עֶרֶב שַׁבָּת און עֶר אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען, עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי זֵיידִי, עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהָאלְפְן צוּגְרֵייטְן און רֵיינִיגְן, מִיט וָואס מֶען הָאט גֶעדַארְפְט. אוֹיךְ יוֹשֻׁעַ סוֹפֵר הָאבְּן זֵיי אַוֶועק גֶעטְרָאגְן עֶרֶב שַׁבָּת, און מַמָּשׁ בַּיים זְמַן אִיז עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען, זִיךְ גֶעשְׁלֶעפְּט אִין פֶעלְדֶער און אִין וֶועלְדֶער, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען ווִי עֶר גֵייט חַלֶשְׁ'ן, מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן עֶסְן און אַ בֶּעט צוּ שְׁלָאפְן, עֶר זָאל קוּמֶען צוּ זַיינֶע כֹּחוֹת.

מֶען הָאט מִיךְ פַארְגֶעהַאלְטְן הֲיִתָּכֵן פָארְן אִינְמִיטְן אַ מִלְחָמָה, דָאס מֵיינְט אַז מֶען הָאט קְלָאר הֲנָאָה פוּן דִי מְדִינָה; וָואלְטְן דִי גֶעקוּמֶען זֶען וָואס דִי עֶרֶב רַב טוּעֶן מִיט דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן - וָואלְטְן זֵיי אַלֶע מֶער נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם סְפֵיקוֹת, דִי הָאבְּן אַזוֹי פַיינְט דִי פְרוּמֶע אִידְן, דִי גַאנְצֶע אָפְּהַאלְט צוּ קוּמֶען קַיין מִירוֹן הָאט גָארְנִישְׁט צוּטוּן מִיט הִיטְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, זֵיי הָאבְּן פַיינְט דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן, און נָאר צוּלִיבּ דֶעם טוּעֶן זֵיי דָאס.

אוּנְזֶער קָאזִין מֹשֶׁה אַבְרָהָם רָאזְנֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר, אַז עֶר קֶען מִיר שַׁאפְן אַ וֶועג אַרוֹיף צוּ דִי מַעֲרָה. אִיךְ בִּין אַרוֹיף מִיט מַאמִי, מַלְכָּה און אוֹיךְ שְׁלֹמֹה. מֶען הָאט גֶעדַארְפְט לַאנְג וַוארְטְן, אָבֶּער עֶס הָאט זִיךְ גֶעלוֹינְט. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי און אוֹיךְ דִי תְּפִלָּה פוּן לִיקוּטֵי תְּפִלּוֹת אוֹיף דִי הַקְדָּמָה פוּן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (לִיקוּטֵי תְּפִלּוֹת חֵלֶק ב', סִימָן מז), דִי תְּפִלָּה אִיז אַ הַארְצְרַייסְנְדֶע תְּפִלָּה, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר צוּאֲוֵיינְט בַּיי צְוֵויי פְּלֶעצֶער פוּן דִי תְּפִלָּה, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט זִיךְ אַזוֹי גוּט אוֹיסְגֶעוֵויינְט צוּ אַ צַדִּיק און צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּיי דִי וֶוערְטֶער וָואס מֶען בֶּעט רֶבִּי שִׁמְעוֹן: "רֶבִּי רֶבִּי רֶבִּי, אֵיךְ תּוּכְלוּ לִסְבֹּל צָרוֹת יִשְׂרָאֵל", ווִי אַזוֹי קֶענְסְטוּ אוֹיסְהַאלְטְן דִי צָרוֹת וָואס אִידְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער? אוֹי אִיז דָאס גוּטֶע תְּפִלּוֹת צוּ בֶּעטְן פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן, און אוֹיךְ בַּיי דִי וֶוערְטֶער: "'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם', הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, 'תֵּן בְּלֵב הַצַּדִּיק הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא הַזֶּה', גֶעבּ אַרַיין אִין הַארְץ פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי שִׁמְעוֹן 'וּבְלֵב כָּל הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים', און אִין דִי הַארְץ פוּן אַלֶע אֶמֶתְ'עֶ צַדִּיקִים 'לְבַל יַסְתִּירוּ פְּנֵיהֶם מִמֶּנִּי', זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן

אוּנְז, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל אַרַיינְלֵייגְן אִין רֶבִּי שִׁמְעוֹן און אִין אַלֶע צַדִּיקִים זֵיי זָאלְן אוּנְז נִישְׁט אִיגְנָארִירְן, נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיף אוּנְז, 'וְאֶל אֶקוֹץ בְּעֵינֵיכֶם', הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן וֶוער נִישְׁט נֶערְוֶועז פוּן מִיר אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן, אִיךְ פָאלְג נִישְׁט דִי עֵצוֹת וְכוּ' כו'", אִיךְ הָאב זִיךְ זֵייעֶר אוֹיסְגֶעגָאסְן דָאס הַארְץ, אִיךְ הָאב מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פַאר דִיר און פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, און פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים וָואס הָאבְּן מַזְכִּיר גֶעוֶוען זֵייעֶרֶע בַּקָּשׁוֹת סֵיי יֶעצְט בַּיי דִי נְסִיעָה און סֵיי אַלֶע בַּקָּשׁוֹת וָואס מֶען בֶּעט דוּרְכְן יָאר.

נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעטַאנְצְן אִין חָצֵר פְרֵיילִיכֶע טֶענְץ, אִין אָנְהוֹיבּ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין מוּזִיק, דִי פָּאלִיצַיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעלָאזְט, בִּיז עֶס זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אַפָּאר אִינְגֶעלַייט און גֶעמַאכְט הוֹיכֶע פְרֵיילִיכֶע מִירוֹנֶע מוּזִיק, אִיךְ הָאב גֶעטַאנְצְן און גֶעמַאכְט קַאדַאטְשְׁקֶע מִיט אַ פְלַאשׁ אוֹיפְן קָאפּ; עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ אַרָאפְּצוּלֵייגְן אוֹיפְן פַּאפִּיר וָואס פַאר אַ לִיכְטִיגְקֵייט מֶען שְׁפִּירְט אִין מִירוֹן לַ"ג בָּעֹמֶר.

אוֹיפְן וֶועג אַרָאפּ פוּן צִיּוֹן הָאבְּן מִיר מִיט גֶעהַאלְטְן וִוי עֶס קוּמֶען אַרוֹיס פוּן דִי וֶועלְדֶער צֶענְדְלִיגֶע בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט און צֶעבְּרֶעכְן דִי צוֹים וָואס זֵיי הָאבְּן אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט נִישְׁט אַרַיין צוּ לָאזְן דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן, און וִוי דִי פָּאלִיצַיי טֵיילְט מֶערְדֶערְלִיכֶע קְלֶעפּ. אוֹיךְ אוֹיפְן וֶועג אַרָאפּ, צוּרִיק אַרַיין אִין דִי גֶעסְלֶעךְ וואו מֶען וואוֹינְט הָאבְּן זֵיי אוּנְז נִישְׁט אַרַיינְגֶעלָאזְט, זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן שְׁרִיפְטְן, מִיר הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט מִיר וואוֹינֶען אִין דִי דִירָה, זֵיי הָאבְּן אוּנְז נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט און דָאךְ הָאבְּן זֵיי אוּנְז גֶעלָאזְט גֵיין.

*זוּנְטָאג פָּרָשַׁת בְּחוּקוֹתַי, לַ"ג בָּעֹמֶר*

מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן, עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען פִיר אַזֵייגֶער פַּארְטָאגְס, מִיר זֶענֶען אוֹיפְגֶעבְלִיבְּן דַאוֶוענֶען וָתִיקִין, גֶעדַאוֶוענְט שַׁחֲרִית אִין קַארְלְסְבּוּרְג. נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאבְּן מִיר גֶעטַאנְצְן: "בַּר יוֹחָאי", "וַאֲמַרְתֶּם כֹּה לֶחָי", "אָמַר רֶבִּי עֲקִיבָא".

אִיךְ הָאב מְסַיֵּים גֶעוֶוען סֵפֶר תִּיקוּנִים, אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אָנְהוֹיבְּן אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר תִּיקוּנִים, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל פַארְן

דַאוֶונֶען. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכח): "אִין סֵפֶר תִּיקוּנִים לִיגְן אַלֶע חָכְמוֹת פוּן דִי וֶועלְט".

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן פַאר אַפָּאר שָׁעָה. דוּרְכְן טָאג הָאט אוֹיסְגֶעזֶען אַז מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען עֶפֶענֶען דִי חָצֵר בַּיי זֵיידִי, דִי פָּאלִיצֵיי הָאבְּן גֶעטֵיילְט מַכּוֹת רֶצַח, אָבֶער צוּבִּיסְלִיךְ זֶענֶען זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער אִידְן, זֵיידִי הָאט מִיט זַיין שְׁטַארְקֵייט גֶעזָאגְט יָא עֶפֶענֶען דִי חָצֵר אוּן אָנְהוֹיבְּן טֵיילְן עֶסְן פַאר אַלֶע גֶעסְט, מֶען הָאט גֶעעֶפְנְט דִי חָצֵר אוּן גֶעטֵיילְט וַוארֶעמֶע עֶסְן; זוּפּ, קוּגְל, פֶערְפְל, פִּישׁ מִיט גְרִינְצֵייג; מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען עֶסְן וִוי פַארְ'חַלֶשְׁ'טֶע מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען פוּן מִדְבָּר, קֵיינֶער הָאט דִי יָאר נִישְׁט גֶעטֵיילְט עֶסְן, נָאר בַּיי זֵיידִי הָאט מֶען גֶעטֵיילְט עֶסְן, אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען מִנְיָנִים נָאךְ מִנְיָנִים מִנְחָה.

מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט תִּיקוּנִים מִיט אַפָּאר חֲבֵרִים, אַדוּרְכְגֶעלֶערְנְט דִי גַאנְצֶע הַקְדָמָה. נָאכְדֶעם מִנְחָה, נָאכְדֶעם הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַ הַדְלָקָה.

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעוֵויינְט פוּן הִתְרַגְשׁוּת, מֶען הָאט גֶעמֵיינְט אַז מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען דִי יָאר מַאכְן קַיין הַדְלָקָה, אוּן בַּיים סוֹף הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן מֶען הָאט אָנְגֶעצִינְדְן דִי הַדְלָקָה, יֶעדֶער הָאט גֶעלֵייגְט וַואטֶע מִיט אוֹיל. אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט, וָואס אִיז דָאס לֵייגְן וַואטֶע מִיט אוֹיל? אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן מִיט דִי צַדִיקִים, זֵיי נֶעמֶען וַואטֶע אוּן צִינְדְן עֶס אָן, מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָאס אִיז דִי וַואטֶע, אוּן מֶען גִיסְט אוֹיף זֵיי שֶׁמֶן מִשְׁחַת קוֹדֶשׁ, מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי טֶענְץ, דִי הַדְלָקָה, דִי שִׂמְחָה - אִיז אַלֶע יָארְן אֵין לְשַׁעֵר, בִּפְרַט דִי יָאר; דִי מְסִירוּת נֶפֶשׁ פוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען פוּן דִי וֶועלְדֶער, גֶעגַאנְגֶען צוּפִּיס צֶענְדְלִיגֶע שָׁעוֹת, אוּן בַּיים אָנְקוּמֶען הָאבְּן זֵיי גֶעכַאפְּט מֶערְדֶערְלִיכֶע קְלֶעפּ. אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעזֶען מִיט מַיינֶע אוֹיגְן, וַוייל זֵיידִי'ס חָצֵר גֶעפִינְט זִיךְ בַּיי דִי לִינְקֶע זַייט פוּן מִירוֹן, נֶעבְּן דֶרֶךְ מְהַדְרִין. עֶס זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ גַאנְצְן טָאג צֶעקְלַאפְּטֶע צֶעבְּלוּטִיגְטֶע מֶענְטְשְׁן, פוּן כַאפְּן קְלֶעפּ פוּן דִי רוֹצְחִים.

עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעוִויזְן אַז מִירוֹן אִיז נִישְׁט אַ פְּלַאץ וואו מֶען קוּמְט

זִיךְ אוֹיסְלוֹיפְטֶערְן, מֶענְטְשְׁן פְלֶעגְן אַוֶועק מַאכְן דָאס פָארְן אוֹיף מִירוֹן אַז דָאס אִיז אַ פְּלַאץ וואו מֶען פָארְט זִיךְ אוֹיסְלוֹיפְטֶערְן, אָבֶער וָואס קֶענְסְטוּ זָאגְן דִי יָאר וֶוען מֶענְטְשְׁן כַאפְּן מַכּוֹת רֶצַח, פָּשׁוּט כְּמַשְׁמָעוֹ, זֵיי הַרְגְ'עֶנְען מֶענְטְשְׁן מִיטְן טַעֲנָה אַז מֶען דַארְף זֵיי בַּאשִׁיצְן פוּן וֶוערְן גֶע'הַרְגְ'ט, אוּן מֶען קוּמְט וַוייטֶער צוּם צַדִיק נֶעמֶען יְשׁוּעוֹת.

בַּיי חֲצוֹת הַלַּיְלָה בִּין אִיךְ אַוֶועק גֶעפָארְן פוּן מִירוֹן קַיין יְרוּשָׁלַיִם.

*מָאנְטָאג פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, ל"ד בָּעֹמֶר*

שְׁלֹמֹה אִיז אַהֵיים גֶעפָארְן זוּנְטָאג נַאכְט, עֶר אִיז אַוֶועק גֶעפָארְן פוּן מִירוֹן פַארְנַאכְטְס. אִינְמִיטְן וֶועג הָאט עֶר זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט זַיין פַאסְפָּארְט, אִיךְ הָאב גְלַייךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִים עֶר זָאל הָאבְּן אַ וֶועג וִוי צוּ בַּאקוּמֶען זַיין פַאסְפָּארְט אוּן קֶענֶען אָנְקוּמֶען אַהֵיים. עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַ וֶועג עֶר זָאל קֶענֶען צוּרִיק קוּמֶען קַיין מִירוֹן, דִי פָּאלִיצַיי הָאבְּן נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט, וֶוער עֶס הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְקוּמֶען הָאט גֶעכַאפְּט מַכּוֹת רֶצַח.

אַבְרָהָם רוֹטְמַאן הָאט גֶעשַׁאפְט אַ וֶועג צוּם עֶרְפָּארְט, אִים גֶעטְרָאגְן דִי פַאסְפָּארְט. אַבְרָהָם הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעהָאלְפְן בַּיי דִי נְסִיעָה מִיט דִי וֶועגְן, מִיט דִי דִירוֹת, סֵיי אִין מִירוֹן סֵיי אִין יְרוּשָׁלַיִם. עֶר הָאט צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, אוּן אוֹיךְ וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט. בִּיסְט דָאךְ גֶעוֶוען פַארְיָאר לַ"ג בָּעֹמֶר, הָאסְטוּ דָאךְ אַלֶעס אַלֵיינְס מִיטְגֶעהַאלְטְן.

שַׁחֲרִית הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶוענְט אִין שׁוּל, אַ מְחַיֶ' צוּ זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַזַא דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַזַא אַיינְגֶענֶעמֶע לוּפְט, מֶען רֶעדְט 'בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר וְהָרָצוּי לְפָנֶיךָ', אוּן דָאס אִיז דֶער סִימָן וָואס שְׁרֵייט אַרוֹיס פוּן אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, 'דֶרֶךְ אֶרֶץ', 'דִי שְׁפְּרַאךְ וִוי מֶען רֶעדְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן', אוּן אַז דוּ זוּכְסְט אַ גוּטֶע חַבֵר צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - זָאלְסְטוּ בּוֹדֵק זַיין דִי שְׁפְּרַאךְ, דִי וֶועג וִוי יֶענֶער רֶעדְט צוּ אַ צְוֵוייטְן.

נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, נָאכְן שִׁיעוּר הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דֶעם וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט (וַיִּקְרָא כו, ו): "וְחֶרֶב לֹא תַעֲבֹר בְּאַרְצְכֶם", זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (תַּעֲנִית כב:): "אֲפִילוּ חֶרֶב שֶׁל שָׁלוֹם", מֶען

קֶען זֶען צְווישְׁן נָאנְטֶע מֶענְטשְׁן וָואס זֶענֶען כְּלוֹמְרִ'יש חֲבֵרִים דִי וֶועג ווִי זֵיי רֶעדְן, מֶען שְׁטֶעכְט זִיךְ, מֶען פְלִיקְט זִיךְ, מֶען בְּרִיקֶעט זִיךְ, אוּן דָאס אִיז כְּלוֹמְרִ'יש חֲבֵרִים, זָאגְט אָבֶער דִי תּוֹרָה: "אִם בְּחֻקּוֹתַי תֵּלֵכוּ", אוֹיבּ מֶען וֶועט זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ, וֶועט זַיין: "וְחֶרֶב [שֶׁל שָׁלוֹם] לֹא תַעֲבֹר בְּאַרְצְכֶם", אַ פְּרִידְלִיכֶע שְׁוֶוערְד וֶועט נִישְׁט זַיין צְווישְׁן עֶנְק, מֶען וֶועט זִיךְ נִישְׁט שְׁטֶעכְן.

אוֹי וֵויי, אוֹי גֶעוַואלְד, וָואלְטְן מִיר זִיךְ לִיבּ גֶעהַאט, וָואלְט גֶעוֶוען שָׁלוֹם צְווישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען וָואלְט גֶערֶעדְט מִיט כָּבוֹד אֵיינֶער צוּם צְוֵייטְן - וָואלְט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעבְּרֶענְגְט צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, וּבַעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים פֶּעלְט צְווישְׁן אוּנְז דִי לִיבְּשַׁאפְט, אוּן דָאס מַאכְט חָרוּב אַלֶעס. אַזוֹי ווִי רַשִׁ"י זָאגְט (וַיִּקְרָא כו, ו, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל 'וְנָתַתִּי שָׁלוֹם'): "הֲרֵי מַאֲכָל, הֲרֵי מִשְׁתֶּה", מֶען קֶען אַלֶעס הָאבְן, עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, "אִם אֵין שָׁלוֹם, אֵין כְּלוּם", אָבֶער אָן שָׁלוֹם הָאט מֶען גָארְנִישְׁט, אוּן דָאס מֵיינְט מֶען אוֹיךְ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען פוּן דִי נְשָׁמָה, מֶען הָאט דֶעם רֶבִּינְ'ס אוֹצְרוֹת, דִי קְוַואל וָואס פְלִיסְט, דִי נַ'חַל נ'וֹבֵעַ מְ'קוֹר חָ'כְמָה, אָבֶער 'אִם אֵין שָׁלוֹם אֵין כְּלוּם'.

עֶס רַייסְט מִיר בַּיים הַארְץ אַז מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט אִין אַלֶע שׁוּלְן וָואס טְרָאגְט מַיין נָאמֶען אוֹיפְן טָאוֶועל אַ לִיבְּשַׁאפְט, וָואלְט מֶען גֶעגַאנְגֶען הִתְבּוֹדְדוּת אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נָאךְ אַבִּיסְל בִּין אִיךְ אַ גּוֹסֵס, נָאךְ אַבִּיסְל בִּין אִיךְ אַ מֵת, מֶען וֶועט מִיךְ לֵייגְן אִין קֶבֶר, עֶס וֶועט וַואקְסְן אוֹיף מִיר קוֹצִים וּבַרְקָנִים, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס אִיז מִיט מִיר? אִיךְ פַארְגֶעס פוּן עָלְמָא דְּאָתֵי, אִיךְ מַאךְ מַחֲלֹקֶת, אִיךְ מַאךְ רַייבֶּערֵייעֶן, אִיךְ טְרָאג לָשׁוֹן הָרָע, בַּאלְד וֶועט קְרִיכְן אוֹיף מַיין צִינְג וֶוערֶעם, זֵיי וֶועלְן קְרִיכְן פוּן בּוֹיךְ אַרַיין אִין מוֹיל, צוּלִיבּ דִי זִינְד פוּן לָשׁוֹן הָרָע, צוּלִיבּ רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע", וָואלְט מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען יֶעדְן טָאג אוֹיף דֶעם, צוּ גֶעדֶענְקֶען פוּן יֶענֶע וֶועלְט - וָואלְטְן מִיר שׁוֹין פוּן לַאנְג זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּ הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת הַצַּדִּיקִים.

טַייעֶרֶער לִיבֶּער נַחְמָן נָתָן, מַיין טַייעֶרֶער זוּן, זַיץ נִישְׁט אִין קַיין מוֹשַׁב לֵצִים. וואוּ עֶס זִיצְן צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אוּן מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן תַּכְלִית - זָאלְסְטוּ

זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן נִישְׁט זִיצְן דָארְט, "מֹשֶׁה קִבֵּל תּוֹרָה מִסִּינַי" - אוּן גֶעזָאגְט: "שְׁנַיִם שֶׁיּוֹשְׁבִין, וְאֵין בֵּינֵיהֶן דִּבְרֵי תוֹרָה" - אִיז אַ מוֹשַׁב לֵצִים, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט אוּנְז פוּן בַּארְג סִינַי (אָבוֹת ג, ב) מֶען זָאל נִישְׁט זִיצְן בַּיי שְׁמוּעֶסְן וָואס מֶען רֶעדְט פוּן דֶעם אוּן פוּן יֶענֶעם, אוּן אוֹיב שְׁטֵייט אוֹיפְן טָאוֶועל בִּנְשִׂיאוּת מַיין נָאמֶען, הָאט דָאס פְּלַאץ גָארְנִישְׁט מִיט מִיר, "וּבִקְהָלָם אַל תֵּחַד כְּבוֹדִי", אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין אִין אוּנְזֶערֶע ד' אַמּוֹת קַיין שׁוּם לֵיצָנוּת.

מִיר זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן אִין שׁוּל בִּיז מִנְחָה, מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶועְנְט מִנְחָה. נָאכְדֶעם דוּרְכְן טָאג אִיז גֶעוֶועְן קַבָּלַת קָהָל, דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן גֶעהַאט שְׁאֵלוֹת זֶענֶען גֶעקוּמֶען. אוֹיךְ אִיז גֶעקוּמֶען שְׁמוּאֵל הַכֹּהֵן, דֶער וָואס מַאכְט דִי עֶנְגְלִישֶׁע גִלְיוֹן "וֶוערְטֶער פוּן חִיזוּק", עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ סִיּוּם הַשַּׁ"ס, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען מִיט זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, מִיט אַלֶע קִינְדֶער, עֶס אִיז גֶעוֶועְן אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.

אוֹיךְ אִיז גֶעקוּמֶען אַ פָּארְפָאלְק, אוּן דִי וַוייבּ הָאט גֶעזָאגְט אַז זִי הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשׁוֹירְן לַ"ג בָּעֹמֶר. אִיר מַאמֶע שֶׁערְט זִיךְ נִישְׁט דִי הָאר, אוֹיךְ נִישְׁט דִי שְׁוֶועסְטֶער, אָבֶּער פוּן דִי חִיזוּק וָואס זִי הֶערְט אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר - הָאט זִי דָאס גֶעטוּן.

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט גֶעזָאגְט אַז בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּבּ הָאט מֶען זִיךְ נִישְׁט גֶעשׁוֹירְן, אוּן נָאר בִּזְכוּת דִי חִיזוּק וָואס מֶען רֶעדְט כְּסֵדֶר פוּן דָאס הֵיילִיגְקֵייט פוּן זִיךְ שֶׁערְן - דָאס גֶעבְּט זֵיי דִי שְׁטַארְקְקֵייט דָאס צוּ טוּן.

אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן דֶעם אֱמֶת, עֶס אִיז דָא צֵייטְן וָואס מֶען שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ וִוי מֶען טוּט גָארְנִישְׁט, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ אַזוֹי וַוייט, מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען וֶוערְט אוֹיס, דֶעמָאלְט טְרַאכְט אִיךְ: 'וֶועל אִיךְ הָאבְּן נָאר דִי זְכוּת פוּן בְּרֶענְגֶען קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה בַּיי אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער, פְּרוּיעֶן זָאלְן זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָּה - אִיז מִיר שׁוֹין אַלֶעס כְּדַאי', אוּן דָאס אַלֵיין וֶועט מִיךְ רַאטֶעוֶועְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. וַוייל רֶבִּי שִׁמְעוֹן זָאגְט (תִּיקוּנִים תִּיקּוּן ע, דַּף קכד ע"א): "וְאִתְּתָא בְּגִין דְּאִיהִי מִסִּטְרָא דִשְׂמָאלָא, לָא צָרִיךְ לְאִתְגַּלְיָא בָּהּ שַׂעֲרָא, דְּלָא יִשְׁתְּמוֹדְעִין בָּהּ מָארֵי דְּדִינָא", בַּיי אַ פְרוֹי מִיט הָאר אִיז דָא דִינִים רַחֲמָנָא

לִצְלָן; וָואלְטְן פְּרוֹיעֶן גֶעווִיסְט וָואס פַאר אַ צָרוֹת דִי הָאר בְּרֶענְגְט - וָואלְטְן אַלֶע דָאס אַרָאפְּגֶענוּמֶען אָן קַיין קְרֶעכְץ, נָאר מִיט דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה.

בַּיינַאכְט אִיז גֶעוֶוען אַ שִׁיעוּר, עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַ סִיוּם הַשַּׁ"ס פוּן אַ אִינְגְל מֹשֶׁה אַרְיֵ' יוֹזְשֶׁעף, אוֹיךְ אַ בְּרוּדֶער זַיינֶע, דָוִד - בֶּן יִשְׂרָאֵל, הָאט גֶעמַאכְט אַ סִיוּם אוֹיף מִשְׁנָיוֹת. דֶער עוֹלָם אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי אִיבֶּערַאשְׁט, זֶען קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט בַּיים שִׁיעוּר שֵׁיינֶע חִיזוּק, קֶענְסְט הֶערְן דִי שִׁיעוּר אוֹיפְן הַאטְלַיין.

***דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, ל"ה בָּעֹמֶר***

אִינְדֶערְפְרִי אִיז גֶעקוּמֶען מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר אִין יְרוּשָׁלַיִם מִיךְ בַּאגְלַייטְן צוּ גֵיין דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט ווִי אַזוֹי מֶען קֶען מַאכְן בֶּעסֶער מִיט דִי תַּלְמִידִים. נָאךְ שַׁחֲרִית הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא (בָּבָא מְצִיעָא, דַף צ), מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִינֶעם דַף, רֶבִּי יוֹחָנָן זָאגְט: "עֲקִימַת שְׂפָתַיִם הֲוֵי מַעֲשֶׂה", מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט דִי גְמָרָא, ווַייל מֶענְטְשְׁן זָאגְן מֶען דַארְף עֶפֶּעס טוּן, מֶען קֶען נִישְׁט נָאר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָא זָאגְט דִי גְמָרָא אַז מַאכְן מִיט דִי לִיפְּן הֵייסְט טוּן, עֶס אִיז אַ מַעֲשֶׂה. מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט וָואס רֶבִּי נָתָן זָאגְט: "מֶענְטְשְׁן זָאגְן 'אַז מֶען טוּט הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער', אִיךְ זָאג פַארְקֶערְט, 'אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט קֶען מֶען עֶפֶּעס טוּן'", אוּן אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז טוּן, אוּן מֶען דַארְף נָאר דָאס טוּן, בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן אוּן נָאכְאַמָאל בֶּעטְן.

אוֹיךְ אִיז גֶעקוּמֶען דֶער סוֹפֵר דָוִד קְלִיעֶרְס מִיט דִי עֶרְשְׁטֶע יְרִיעָה, אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן שְׁטֶעטְל הָרוֹצֶה בְּעִלוּם שְׁמוֹ, הוֹיבְּט אָן שְׁרַייבְּן אַ סֵפֶר תּוֹרָה, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן דִי וָוארְט בְּרֵאשִׁית.

נָאךְ דֶעם הָאט מִיךְ דֶער מְנַהֵל יִצְחָק גֶענוּמֶען אִין חֵדֶר, מַמָּשׁ אַ חָלוֹם; עֶס זִיצְן מְלַמְּדִים, יוֹסֵי כַּ"ץ אוּן יַעַנְקִי גוּטְמַאן, אוּן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער מִיט אַזוֹי סַאךְ הַארְץ, מִיט אַזוֹי סַאךְ גֶעדוּלְד, דִי קִינְדֶער זֶענֶען גְלִיקְלִיךְ אַז זֵיי זֶענֶען אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ חֵדֶר, וָואס מֶען הָאט סַבְלָנוּת צוּ זֵיי, מֶען לֶערְנְט

זַיי אֱמוּנָה, אַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, מֶען מַאכְט נִישְׁט קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד צְווִישְׁן אָרֶעם אָדֶער רַייךְ, בַּיי אוּנְז דַארְף מֶען חִיזּוּק אוֹיף פַּארְקֶערְט, אוֹיךְ לִיבּ צוּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער וָואס דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעלְט, וָואס זֶענֶען זַיי שׁוּלְדִיג אַז זֵייעֶר טַאטֶע הָאט גֶעלְט? ווַייל בַּיים בַּעַל תְּפִלָּה אַז מֶען ווִיל אֵיינֶעם טְשֶׁעפֶּען - טְשֶׁעפֶּעט מֶען אִים אַז עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעלְט, (עַיֵּין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב).

אוֹיךְ בִּין אִיךְ גֶעוֶועזְן אִין בֵּית פֵיגָא, דִי טִיטְשֶׁערְס זֶענֶען זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן, זַיי אַרְבֶּעטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל. אֵיינֶע פוּן דִי לֶערֶערִינְס הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס אִיז רִיכְטִיג צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג מִיט דִי קִינְדֶער בַּיי שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי "שְׁכַּח אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוֹי, אִיךְ שְׁמִיר נִישְׁט מַיין לִיפְּן, אִיךְ שְׁמִיר נִישְׁט מַיינֶע אוֹיגְן וְכוּ' וְכוּ'"; אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט, מֶען דַארְף לֶערְנֶען רִיכְטִיג, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין, מֶען קֶען נִישְׁט צוּלֵייגְן וְכוּ', מֶען וֶוערְט נִישְׁט קַיין גוֹי אַז מֶען שְׁמִירְט זִיךְ וְכוּ', מֶען דַארְף זִינְגֶען: "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי, שְׁכַּח אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ בִּין אַ אִיד, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוֹי", אוּן בַּאזוּנְדֶער לֶערְנֶען דִי קִינְדֶער דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן זַיין אֵיידְל, פוּן זַיין בַּאשֵׁיידְן; נָאר אַזוֹי אִיז מֶען מַצְלִיחַ, אַז מֶען לֶערְנְט רִיכְטִיג.

נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ אַהֵיים אוּן אוֹיפְגֶענוּמֶען מֶענְטְשְׁן, שִׁמְעוֹן עוֹזֵר פֶּערְל הָאט מִיךְ אַהֵיים גֶענוּמֶען מִיט דִי קַאר.

נָאכְמִיטָאג זֶענֶען דִי בָּחוּרִים גֶעקוּמֶען אִין דִי דִירָה דַאוֶוענֶען מִנְחָה, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי.

אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען גֶעבְּן שָׁלוֹם פַאר הָרַב רֶבִּי שִׁמְעוֹן שַׁפִּירָא שְׁלִיטָ"א. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל אַז עֶר ווִיל קוּמֶען צוּ מִיר אָפְּגֶעמֶען שָׁלוֹם, עֶס אִיז מִיר נִישְׁט אַיינְגֶעגֶעם צוּ זֶען אַז אַזַא פֶּערְזֶענְלִיכְקֵייט קוּמְט צוּ מִיר, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט וואוּ אִיךְ קֶען גֵיין צוּ אִים, מֶען הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר זִיצְט אִין דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ שׁוּל אִין מֵאָה שְׁעָרִים, בִּין אִיךְ אַהִין גֶעגַאנְגֶען צוּ אִים מִיט שִׁמְעוֹן עוֹזֵר. עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט, עֶר הָאט מִיךְ אַרוֹיפְגֶענוּמֶען אִין ווַייבֶּער שׁוּל, מִיר גֶעוִויזְן פוּן דָארְט דֶעם רֶבִּינְ'ס בֶּענְקְל, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט אִים צוּ בַּאגֶעגֶענֶען.

אִיךְ בִּין אוֹיךְ גֶעגַאנְגֶען מְנַחֵם אָבֵל זַיין ר' אַהֲרֹן גָאלְדְשְׁטֵיין, זַיין טַאטֶע

איז נִפְטַר גֶעוָוארְן לַ״ג בָּעֹמֶר פַארְנַאכְטְס. אַהֲרֹן אִיז אַ גְרוֹיסֶער מֵפִיץ, עֶר פַארְשְׁפְּרֵייט אַ גַאנְצְן טָאג סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים פון מוֹהֲרַ״ש. דָארְט זֶענֶען גֶעזִיצְן אַ גְרוֹיסֶער עוֹלָם, אַלֶע הָאבְּן זִיךְ בַּאדַאנְקְט פַאר דִי שִׁיעוּרִים. אוֹיךְ אִין מִירוֹן הָאבְּן מִיר בְּלִי גוּזְמָא הוּנְדֶערְטֶער אִינְגֶעלַייט און בָּחוּרִים גֶעזָאגְט שְׁכּ֗חַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים, סְפָרִים און גִלְיוֹנוֹת, וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר גַאנְצֶע חַיּוּת.

דִי יָאר אִיז גֶעוֶוען אִין קַארְלְסְבּוּרְגֶער חָצֵר דֶער פְּלַאץ וואו אַלֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען עֶפֶּעס טוֹעֵם זַיין, און אַלֶע אָן אוֹיסְנַאם הָאבְּן זִיךְ בַּאדַאנְקְט.

מֶען זֶעט אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל טוּעֶן מֶער אִין הֲפָצָה וִוי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אַמֶערִיקֶע, וואו דוּ גֵייסְט און וואו דוּ שְׁטֵייסְט זָאגְט מֶען שְׁכּ֗חַ פַאר דִי חִיזּוּק בְּרִיוּו, און אַזוֹי וַוייטֶער, זֵיי זֶענֶען פְרִישׁ אִין הֲפָצָה, און דָאס הָאלְט זֵיי אַלֵיינְס בְּלַייבְּן פְרִישׁ בַּיים רֶבִּי׳ן; וַוייל נָאר אַז מֶען אִיז עוֹסֵק אִין הֲפָצָה בְּלַייבְט מֶען פְרִישׁ מְקוּרָב, און אַז מֶען הַאלְט עֶס נָאר פַאר זִיךְ - וֶוערְט מֶען אַלְט און אוֹיסְגֶעלָאשְׁן.

אוֹיךְ אִיז מִיט גֶעקוּמֶען יִשְׂרָאֵל גְרוֹמַאן פון הַר יוֹנָה, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען מִיר וַוייזְן דֶעם סֵפֶר תּוֹרָה וָואס עֶר שְׁרַייבְט יֶעצְט פַאר דִי קְהִילָה, אַ קְלֵיינֶע סֵפֶר תּוֹרָה צוּ קֶענֶען מִיטְנֶעמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. מִיר הָאבְּן גֶעהַאט שֵׁיינֶע שִׂיחוֹת אוֹיפְן וֶועג גֵייעֶנְדִיג, מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, וִוי דָאס טוּט רַאטֶעוֶוען דֶעם מֶענְטְשׁ.

### *אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים*

דִינְסְטָאג נַאכְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין בְּנֵי בְּרַק, אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען צוּ זֵיי אַ צְוֵוייטֶע מָאל, סֵיי בַּיים אָנְקוּמֶען און סֵיי בַּיים אַהֵיים גֵיין, וַוייל זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרִישׁ אִין הֲפָצָה. דָארְט בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר פון הֲפָצָה, אִין אַ גֶעוִויסֶע זִין מֶער וִוי אִין אַנְדֶערֶע שְׁטֶעט.

אוֹיפְן וֶועג הָאבְּן מִיר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיים הַר הַמְּנוּחוֹת, דָארְט לִיגְן זֵיידִי און בַּאבִּי פְרִידְמַאן, רֶבִּי יִצְחָק דָוִד הַכֹּהֵן פְרִידְמַאן און בַּאבִּי רָחֵל עֲלֵיהֶם הַשָּׁלוֹם, מִיר הָאבְּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען. אוֹיךְ בִּין אִיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם

קֶבֶר הַחִידָ"א, אִיךְ פְּלֶעג גֵיין אַסאַךְ אַלְס בָּחוּר מִיט עֶלְטֶער זֵיידִי מִקַּארְלְסְבּוּרְג דָארְט מִתְפַּלֵּל זַיין.

אִין בְּנֵי בְּרַק אִין שׁוּל הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶעזַאמֶעלְט אַ רִיזִיגְן עוֹלָם, מִיר הָאבְּן קוֹדֶם גֶעדַאוֶוענְט מַעֲרִיב אוּן גֶעצֵיילְט סְפִירָה. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ סִיּוּם הַשַּׁ"ס פוּן וָואלְוִוי לֶעוִוי, אַ זוּן פוּן דֶער גַבְּאַי אִין בְּנֵי בְּרַק שׁוּל ר' יוֹאֵל, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שַׁיין צוּ זֶען וִוי אַ יוּנְגֶער בָּחוּר הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען גַאנְץ תַּלְמוּד בַּבְלִי.

בַּיים אָנְקוּמֶען אִין בְּנֵי בְּרַק אִיז מַאמִי גֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטוּב פוּן מִשְׁפַּחַת לֶעוִוי, עֶס זֶענֶען זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען דָארְט פְרוֹיעֶן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. מַאמִי הָאט זִיךְ זֵייעֶר גוּט גֶעשְׁפִּירְט צְוִוישְׁן זֵיי, אֵיין זַאךְ אִיז אִיר נִישְׁט אַיינְגֶעגֶעם גֶעוֶוען, וֶוען זִי אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַלֶע אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, מַאמִי הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט נֶעמֶען, זֵיי מֵיינֶען אַז דָאס אִיז אַ רֶבִּי'סְטֶעוֶוע, אַ רֶבִּי מִיט אַ רֶעבִּיצִין, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אַז מִיר זֶענֶען פְּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן, אוּן דִי אַלֶע זַאכְן הָאט נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט אוּנְז.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ הַיינְט גֶעהַאט אַ בְּרִית אִין יְשִׁיבָה, זוּשָׁא דֶער גַבְּאַי פוּן מָאנְסִי שׁוּל אִיז גֶעקוּמֶען קַיין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג מַאכְן דִי בְּרִית, עֶר הָאט מִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט סַנְדְקָאוּת, אָבֶער אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז עֶס אִיז דָא זֵיידֶעס חָשׁוּבְ'עֶ אִידְן, תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַארְן זֵיידֶע: "זוּשָׁא הָאט מִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט סַנְדְקָאוּת, אוּן אִיךְ בִּין אַייךְ מְכַבֵּד מִיט דִי כִּיבּוּד"; אוּן דָאס דַארְפְן אַלֶע אִינְגֶעלַייט וִויסְן, אַז מֶען הָאט זֵיידֶעס עֶרְלִיכֶע אִידְן - גֶעבְּט מֶען זֵיי דִי כִּבּוּדִים. אִיךְ דַארְף נִישְׁט דִי זַאכְן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס מֶען ווִיל דָא פוּן מִיר, מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין דִי זֵיידֶעס, אוּן אַז מֶען ווִיל אִיךְ זָאל זַיין סַנְדָּק - קֶען מֶען בְּרֶענְגֶען דֶעם קִינְד שְׁפֶּעטֶער אִין חֵדֶר אוּן אִין יְשִׁיבָה אַלֶע יָארְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, דָאס אִיז אוֹיךְ סַנְדְקָאוּת.

*מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, ל"ו בָּעֹמֶר*

מִיטְוָואךְ פַארְטָאגְס זֶענֶען מִיר אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַמֶערִיקֶע, אֶלִי הָאט מִיךְ אָפְּגֶעוַוארְט, עֶר אִיז מִיר זֵייעֶר גֶעטְרֵיי. עֶס הָאט גֶענוּמֶען אַבִּיסְל לֶענְגֶער, וַוייל מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אִין אַ זֶעקְל טְרוֹיבְּן, מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעוִויסְט אַז דָאס

איז אַזוֹי הַארְבּ. אִינְמִיטְן קוּמְט אַ פָּאלִיצַיי מִיט אַ הוּנְט און דֶער הוּנְט הָאט גֶעשְׁמֶעקְט אוּנְזֶער זֶעקֶל און גֶעגֶעבְּן אַ הִיס, מֶען הָאט צוּגֶענוּמֶען מַאמִי'ס פַּאסְפָּארְט און אוּנְז אוֹיפְגֶעהַאלְטְן פַאר אַ שְׁטִיקֶל צַייט. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מֶען הָאט אוּנְז נִישְׁט בַּאשְׁטְרָאפְט נָאר צוּגֶענוּמֶען דִי טְרוֹיבְן, און מִיר זֶענֶען אַהֵיים גֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֵיי יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז מֶען גֵייט הִתְבּוֹדְדוּת וֶוערְט מֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִין מִירוֹן הָאבְּן דִי בָּחוּרִים מִיךְ גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ אִיךְ וֵויים וואו דִי פֶּתַח הַמְּעָרָה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז, וַוייל אִיךְ הָאבּ זֵיי דֶערְצֵיילְט אַז דִי פְּלַאץ נֶעבְּן דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים וָואס שְׁטֵייט דָארְט אַ טָאוֶועל 'דָא אִיז דֶער פֶּתַח הַמְּעָרָה' – דָאס אִיז נִישְׁט וָואר, דָאס אִיז אַ פְּלַאץ וואו מֶען מַאכְט גֶעלְט פוּן אַמֶערִיקַאנֶער וָואס לָאזְן זִיךְ מֶעלְקְן, און עֶלְטֶער זֵיידִי הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז רֶבִּי אָשֵׁר זֶעלִיג הָאט אִים גֶעוִויזְן וואו דֶער פֶּתַח הַמְּעָרָה אִיז, הָאבְּן מִיר דִי בָּחוּרִים אָנְגֶעהוֹיבְּן מוּטְשֶׁען אוֹיבּ אִיךְ וֵוייס וואו דָאס אִיז, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט אִיךְ קֶען זֵיי וַוייזְן, זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעוִויזְן אוֹיפְן מוֹיל, דִי מוֹיל אִיז דִי עֶפֶענוּנְג צוּ דִי מַעֲרָה, מַעֲרָה אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן זַיין בַּאהָאפְטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מְלָכִים א' ז, לו): "כְּמַעַר אִישׁ וְלֹיוֹת סָבִיב", זָאגְט רַשִׁ"י: "לָשׁוֹן אֲחִיזָה וְדִבּוּק", אַזוֹי וִוי מֶען נֶעמְט זִיךְ אַרוּם, מֶען וֶוערְט אֵיינְס, אוֹיךְ אִיז דָא אִין מִשְׁנָיוֹת דִי לָשׁוֹן (עוּקְצִין ג, ח): "וּמְעֹרֶה בַּקְלִפָּה"; דִי מוֹיל אִיז דִי פֶּתַח הַמְּעָרָה, דִי וֶועג צוּ וֶוערְן אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְן אֵיינְס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז מֶען גֵייט יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע בְּלוּט וָואס מֶען הָאט, אַלֶע שְׁוֶוערֶע נַאטוּרְן, אַלֶע שְׁלֶעכְטְס וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם בְּרֶענְגְט, מֶען וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ אִיד, אִיךְ וִויל נָאר טְרַאכְטְן פוּן דִיר, נָאר רֶעדְן פוּן דִיר" – קוּמְט מֶען אָן אִין דִי מַעֲרָה פוּן דִי צַדִּיקִים, מֶען וֶוערְט בַּאהָאפְטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע מַדְרֵיגָה.

אִיךְ הָאב דִיר גֶעשְׁרִיבְּן נָאר מַמָּשׁ אַ פִּינְטְל פוּן וָואס עֶס אִיז אַרִיבֶּער, אוּן פוּן דִי גֶעפִילְן וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה בַּיי דִי צַדִיקִים, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שַׁ״ס דִי יָאר, וֶועל אִיךְ דִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף נֶעמֶען קוּמֶענְדִיגֶע יָאר לַ״ג בָּעֹמֶר.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק עֶנְדִיגְן מִיט דִיר דֶעם גַאנְצְן זוֹהַר אוּן מַאכְן לַ״ג בָּעֹמֶר דִי סִיוּם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**אִיךְ בִּין לִיכְטִיג און פְרֵיילִיךְ וַוייל אִיךְ לֶערְן תּוֹרָה**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, ב׳ סִיוָן, שְׁנַת תשע״ו לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַזוֹי וִוי מִיר גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, אִיז יֶעצְט דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן און אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; מֶען זֶעט אַז יֶעדֶער אִיד וֶוערְט נִתְעוֹרֵר יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, און מֶען מַאכְט אָפּ אַז מֶען גֵייט לֶערְנֶען, אָבֶּער נָאכְדֶעם פַאלְט מֶען צוּרִיק און מֶען לֶערְנְט נִישְׁט, דֶער סִיבָּה פוּן דֶעם אִיז וַוייל מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פוּנֶעם "דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד" וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אַז מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען לֶערְנְט, מֶען דַארְף נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, עַיֵּין שָׁם.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן און מִיר גְלֵייבְּן אִין רֶבִּי'ן, קֶענֶען מִיר יָא אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען, וַוייל אִין יֶעדֶע מַצָּב - אֲפִילוּ מֶען אִיז פַארְיָאגְט און פַארְפְּלָאגְט, דָאךְ קֶען מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה.

אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ, און אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ הָאט מֶען אַלֶע יְשׁוּעוֹת; מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אִין יְרוּשַׁלְמִי (שְׁקָלִים פֶּרֶק ג׳, הֲלָכָה ב) אַ מַעֲשֶׂה, אַ חָשׁוּבְ'עֶ הֶערְנְטֶע הָאט גֶעבֶּעטְן רֶבִּי יוֹנָה זָאל אִים זָאגְן אוֹיבּ עֶר טוּט אֵיינֶע פוּן דִי דְרֵיי זַאכְן - אוֹיבּ עֶר שִׁיכּוֹר'ט; אָדֶער עֶר בָּארְגְט אוֹיף רִיבִּית; אָדֶער עֶר הָאדֶעוֶועט חֲזֵירִים וָואס מֶען מַאכְט פוּן דֶעם אַסַאךְ גֶעלְט;

וַוייל זַיין פָּנִים אִיז אַזוֹי לִיכְטִיג אוּן עֶס שַׁיינְט, וָואס דָאס וֵוייזְט אַז עֶר מַאכְט אַסַאךְ גֶעלְט אָן אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער, זָאגְט אִיר רֶבִּי יוֹנָה: אִיךְ זָאג דִיר צוּ אַז אִיךְ טוּ נִישְׁט קַיין אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן, נָאר אִיךְ לֶערְן תּוֹרָה, אוּן עֶס שְׁטֵייט (קֹהֶלֶת ח, א): "חָכְמַת אָדָם תָּאִיר פָּנָיו", אַז מֶען לֶערְנְט וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ, אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים; אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים יט, ט): "פִּקּוּדֵי ה' יְשָׁרִים מְשַׂמְּחֵי לֵב", אַז מֶען לֶערְנְט וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ.

וֶוען מִיר זָאלְן נִישְׁט מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן נָאר פַארְן דֶרֶךְ הַלִּימוּד אַלֵיין – "דַיֵּינוּ"; שְׁטַארְק דִיךְ, אוּן לֵייג יֶעצְט אַרַיין אִין טַאשׁ אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנָיוֹת, וַוייל דוּ קֶענְסְט נִישְׁט וִויסְן וואוּ דוּ דַארְפְסְט הַיינְט אָנְקוּמֶען אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען לֶערְנֶען דָארְט פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת; אַ מֶענְטְשׁ טְרֶעפְט זִיךְ בַּיי אַ דָאקְטֶער אָדֶער אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ עֶר דַארְף וַוארְטְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אוֹיב הָאט עֶר מִיט זִיךְ אַ סֵפֶר קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אִין דִי צַייט. אוֹיךְ לֵייג אַרַיין אַ מִשְׁנָיוֹת אִין דַיין קַאר, אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְן שְׁמִירָה אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

אַ גוּטְן טָאג.

...

**וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה, נֶעמְט זִיךְ דִי תּוֹרָה אָן פַאר אִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', ד' סִיוָן, מ"ח לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, מִיר גֵייעֶן נָאכְאַמָאל מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה.

וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה – נֶעמְט זִיךְ דִי תּוֹרָה אָן פַאר אִים, דִי תּוֹרָה הִיט אִים אוּן עֶס הִיט זַיינֶע קִינְדֶער. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (חֲגִיגָה טו:) עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ הוּנְגֶער יָאר, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וָואס צוּ עֶסְן, אוּן דִי טָאכְטֶער פוּן אַחֵר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ, זִי הָאט אִים גֶעבֶּעטְן: "רֶבִּי, פַּרְנְסֵנִי", רֶבִּי גֶעבְּט מִיר עֶפֶּעס עֶסְן, הָאט רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ אִיר

גֶעפְרֶעגְט: "בַּת מִי אַתְּ", וֶועמֶענְס טָאכְטֶער בִּיסְטוּ? הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "בִּתּוֹ שֶׁל אַחֵר אֲנִי", אִיךְ בִּין אַ טָאכְטֶער פוּן אַחֵר, הָאט רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ גֶעזָאגְט מִיט וואוּנְדֶער: "עֲדַיִן יֵשׁ מִזַּרְעוֹ בָּעוֹלָם", עֶר הָאט נָאךְ קִינְדֶער דָא אוֹיף דִי וֶועלְט? עֶס שְׁטֵייט דָאךְ (אִיּוֹב יח, יט): "לֹא נִין לוֹ וְלֹא נֶכֶד בְּעַמּוֹ וְאֵין שָׂרִיד בִּמְגוּרָיו", עֶס וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן קַיין קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ פוּן אַ רָשָׁע, הָאט זִי גֶעבֶּעטְן: "זְכֹר לְתוֹרָתוֹ וְאַל תִּזְכֹּר מַעֲשָׂיו", אִיךְ בֶּעט דֶעם רֶבִּי'ן זָאל גֶעדֶענְקֶען דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן נִישְׁט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים. וֶוען זִי הָאט דָאס אַרוֹיסְגֶעזָאגְט אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אַ פֵייעֶר פוּן הִימְל אוּן פַארְבְּרֶענְט דִי בֶּענְקְל פוּן רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ, זִיךְ אָנְצוּנֶעמֶען פַאר אִים, הָאט רַבֵּינוּ הַקּוֹדֶשׁ זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן גֶעזָאגְט: "וּמָה לַמִּתְגַּנִּין בָּהּ כַּךְ, לַמִּשְׁתַּבְּחִין בָּהּ עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה", מַה-דָאךְ וֶוען אַ רָשָׁע לֶערְנְט תּוֹרָה קוּמְט דִי תּוֹרָה אוּן נֶעמְט זִיךְ אָן פַאר אִים, אִיז דָאךְ אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי וֶוען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לֶערְנְט תּוֹרָה - וֶועט זִיךְ זִיכֶער דִי תּוֹרָה אָנְנֶעמֶען פַאר אִים.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין אַ שִׁיעוּר, מִיר וֶועלְן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל, זִיךְ גְרֵייטְן פַאר קַבָּלַת הַתּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קֵיינֶער הָאט נִישְׁט אַ בֶּעסֶערֶע לֶעבְּן וִוי מִיר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, ג' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ו לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

"אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ" - דָאס דַארְפְן מֶען זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן יֶעדְן טָאג; אַז בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי וָואס גֶעבְּט אוּנְז אַזֶעלְכֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט, אוּן גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר וֵויסְן עֶס שׁוֹין יֶעצְט.

גֶעדֶענְק וָואס מוֹהַרָא"שׁ הָאט גֶע'חַזֶר'ט מִיט אוּנְז בַּיי יֶעדֶע שִׁיעוּר, אַז

מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אִין שְׁטוּב, נָאר מְוַתֵּר זַיין, אוּן פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נָאכְצוּגֶעבְּן אִין שְׁטוּב; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָנְגֶעפַאנְגֶען פוּן אַ בָּחוּר - וָואס פְרֶעגְט: "פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ?" אַ אִינְגֶערְמַאן פְרֶעגְט: "פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ דַוְקָא אַזַא וַוייבּ?" אָבֶּער וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זִיךְ מְבַטֵּל פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר גְלֵייבְּט מִיט אֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט בֶּעסֶער ווִי אִים וָואס אִיז גוּט פַאר אִים, אוּן עֶר גְלֵייבְּט אַז - 'אוֹיבּ הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט מַיין שִׁידוּךְ אִיז דָאס גוּט פַאר מִיר', אוּן 'אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא וַוייבּ - אִיז דָאס גוּט פַאר מִיר, אוּן אִיךְ דַארְף פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע מַיינֶע כֹּחוֹת צוּ טְרֶעפְן דִי גוּטְס אִין אִיר'.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר מַיין טַייעֶרֶע חָבֵר, זָאלְסְט נִישְׁט מֵיינֶען קַיין אֵיין רֶגַע אַז אַ צְוֵוייטֶער הָאט אַ בֶּעסֶערֶע לֶעבְּן פוּן דִיר, אָדֶער אַ צְוֵוייטֶער הָאט אַ בֶּעסֶערֶע וַוייבּ ווִי דִיר - דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן, וַוייל אַז דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען מִיט דִי פְרוֹי וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן, וָואלְסְטוּ זִיךְ זִיכֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְקוּמֶען מִיט אַ צְוֵוייטֶע פְרוֹי וָואס דוּ מֵיינְסְט אַז זִי אִיז גוּט פַאר דִיר.

דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט פַיינְט אַ מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר ווִיל אִים הַרְגֶ'עֶנֶען אוּן צוּנֶעמֶען זַיין לֶעבְּן; עֶר מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט זַיין צוּפְרִידְן פוּן זַיין לֶעבְּן, פוּן זַיין וַוייבּ אוּן פוּן זַיינֶע קִינְדֶער. עֶר רֶעדְט אַיין פַארְן מֶענְטְשׁ אַז אַ צְוֵוייטֶער הָאט אַ בֶּעסֶערֶע לֶעבְּן, אַ בֶּעסֶערֶע וַוייבּ, בֶּעסֶערֶע קִינְדֶער, אַ בֶּעסֶערֶע דִזְשַׁאבּ וְכוּ'. עֶס אִיז דָא אַ וָוארְט אִין קַבָּלָה שְׁפְּרַאךְ "עֵירוּב טוֹב וָרַע"; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אַלֶע הוֹיכֶע וֶוערְטֶער אִיז פַאר אוּנְז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן, אוּן מִיר קֶענֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין. "עֵירוּב טוֹב וָרַע" מֵיינְט, אַז וֶוען אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט גֶעגֶעסְן פוּנֶעם "עֵץ הַדַּעַת" אִיז גֶעשֶׁען אַ "עֵירוּב טוֹב וָרַע", אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט: 'בַּיי מִיר אִיז שְׁלֶעכְט, אוּן בַּיי יֶענֶעם אִיז גוּט'; מֶען מֵיינְט אַז דִי "טוֹב" אִיז בַּיי יֶענֶעם, אוּן דֶער "רַע" אִיז בַּיי מִיר. אַנְשְׁטָאט מֶען זָאל טְרַאכְטְן אַז בַּיי מִיר אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם גוּט, אוּן בַּיי יֶענֶעם וֵוייס אִיךְ נִישְׁט, אוּן אִיךְ ווִיל נִישְׁט ווִיסְן;

טְרַאכְט מֶען דִי גַאנְצֶע צַייט: 'פַארְוָואס בַּיי מִיר אִיז נִישְׁט גוּט?' 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַזַא וַוייבּ וְכוּ'? אַנְשְׁטָאט מֶען זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וָואס מֶען הָאט, אוּן אוֹיף וָואס מֶען הָאט נִישְׁט - מַחְלוֹת אוּן שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן נֶעבֶּעךְ מִיט, רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד גֵייט שְׁטֶענְדִיג אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אוּן טַאנְצְט אוּן זִינְגְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר אִיד, אַ תַּלְמִיד "הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ" אַ מוֹרָא'דִיגֶע וָוארְט; עֶס אִיז דָא אַן אוֹיסְדְרוּק וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן: "אַלֶעס אִינְאֵיינֶעם, אִיז נִישְׁט דָא בַּיי קֵיינֶעם", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אַלֶעס אִינְאֵיינֶעם אִיז נִישְׁט דָא בַּיי קֵיינֶעם, אוֹיסֶער בַּיי אֵיינֶעם; בַּיי מִיר", אוּן עֶר זִינְגְט דָאס מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס הָאט אַלֶע חֵן אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס קֶען קוֹים אַדוּרְכְשְׁטוּפְּן דִי וָואךְ, אוּן קוֹים וָואס עֶר הָאט אוֹיף שַׁבָּת צוּ מַאכְן, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם גֵייט עֶר אַרוּם אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, אוּן זִינְגְט: "אַלֶעס אִינְאֵיינֶעם אִיז נִישְׁט דָא בַּיי קֵיינֶעם, אוֹיסֶער בַּיי אֵיינֶעם; בַּיי מִיר".

דֶערְפַאר זֶע אוֹיךְ צוּ זִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: "אַלֶעס אִינְאֵיינֶעם אִיז נִישְׁט דָא בַּיי קֵיינֶעם, אוֹיסֶער בַּיי אֵיינֶעם; בַּיי מִיר" - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט וִוי אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט אִים אוּן עֶר לוֹיבְּט אִים, זָאגְט עֶר פַאר דִי מַלְאָכִים 'קוּקְט אָן דֶעם אִיד, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אוּן עֶר דַאנְקְט מִיךְ, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס גוּטְס מֵיינְט', אוּן פַארְקֶערְט אִיז אוֹיךְ אַזוֹי, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט וִוי אֵיינֶער הֶערְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אָפְּצוּרֶעדְן, זָאגְט עֶר: "אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס שְׁלֶעכְטְס מֵיינְט".

אִיךְ בֶּעט דִיר, זַיי פְרֵיילִיךְ מִיט דִי וַוייבּ אוּן מִיט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְן; גֶעדֶענְק וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַ בָּחוּר הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעוָואלְט לֶעבְן, הָאסְט נָאר גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְּן, נוּ, הָאסְט דָאךְ שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, זַיי פְרֵיילִיךְ! טְרַאכְט נִישְׁט: "מֶע, מַיין וַוייבּ אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶע,

אַן עֶקְלְדִיגֶע וְכוּ׳״, נָאר זוּךְ אוֹיף אַ נְקוּדָה טוֹבָה, אוּן זַיי אִיר דָן לְכַף זְכוּת. מֶען גֵייט שׁוֹין בַּאלְד אַהֵיים, אוּן עֶס אִיז אַ שָׁאד פַאר דִי פָּאר יָאר וָואס מִיר לֶעבְן, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ קְרִיגְן אוּן בְּלָאזְן אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן.

יֶעצְט לְכָבוֹד יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת זֶע צוּ קוֹיפְן פַאר דַיין וַוייבּ אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, אוּן שֵׁיינֶע בְּלוּמֶען; אוּן דֶער עִיקָר שְׁרַייבּ אִיר אַ קְלֵיינֶע צֶעטֶעלֶע מִיט אַפָּאר שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, וְוִי לְמָשָׁל:

*יְיַשֶׁר כֹּחַ מַיין טַייעֶרֶע ...*

*דוּ בִּיסְט מַיין לֶעבְּן.*

*אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ.*

*אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט פַאר מִיר אוּן פַאר דִי קִינְדֶער.*

וְכָל הַמַּרְבֶּה הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח; עֶס דַארְף נִישְׁט גְרַאמֶען, עֶס דַארְף נָאר זַיין פוּן הַארְץ, אוּן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אַ הַארְץ מַאכְט מֶען זִיךְ אַ הַארְץ. אַזוֹי וְוִי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וְוִי נֶעמְט מֶען אַ הַארְץ?" הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "דוּ הָאסְט אוֹיךְ אַ הַארְץ, נָאר דוּ בַּאהַארְצְט עֶס נִישְׁט".

וָואס זָאגְט דֶער רֶבִּי נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם אוּן תָּם? "פַּארְשְׁטֵיי גוּט וְוִי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן" (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט׳), עַיֵּין שָׁם.

אַ גוּטְן טָאג.

...

### פַארְוָואס עֶסְט מֶען מִילְכִיגְס אוּן קְרֶעפְּלֶעךְ שָׁבוּעוֹת?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, ד׳ סִיוָן, מ״ח לָעֹמֶר, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן; וִויפִיל מִיר זָאלְן נָאר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶס נִישְׁט גֶענוּג. וָואס וָואלְטְן מִיר גֶעטוּן אָן דֶעם רֶבִּי׳ן? וְוִי וָואלְטְן מִיר זִיךְ אַהִין גֶעטוּן?! דֶער

הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד מִיר זָאלְן וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין יֶעדְן מַצָּב, עֶר מַאכְט אוּנְז פְרֵיילִיךְ אוּן שְׁטַארְקְט אוּנְז.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען שׁוֹין זוֹכֶה אַרַיין צוּ גֵיין אִינֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת - זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ, מִיר גֵייעֶן זוֹכֶה זַיין צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה; דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, אַז אוֹיבּ מֶען וִויל תְּשׁוּבָה טוּן דַארְף מֶען פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, מֶען דַארְף זִיךְ גֶעגְצְלִיךְ בַּאנֵייעֶן, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן.

מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט אַ שֵׁיינֶע טַעַם פַארְוָואס מֶען עֶסְט מִילְכִיגְס שָׁבוּעוֹת; וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָּרוֹן, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה", וַוייל וֶוען עֶס וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שִׁכְחָה וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וָואלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, פוּן אַלֶע דוּרְכְפֶּעלֶער אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען אִיז אַדוּרְךְ, דָאס וָואלְט גֶעמַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט פְּרוּבִּירְן נָאכְאַמָאל אָנְצוּהוֹיבְּן פוּן דָאסְנֵיי, אָבֶּער יֶעצְט אַז עֶס אִיז דָא שִׁכְחָה, קֶען מֶען זִיךְ בַּאנֵייעֶן אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ; דֶערִיבֶּער וֶוען מִיר גֵייעֶן מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה עֶסְן מִיר מִילְכִיגְס, כְּדֵי צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז מִיר זֶענֶען וִוי נֵיי גֶעבּוֹירְן; אַ קְלֵיין קִינְד עֶסְט דָאךְ נָאר מִילְךְ, דֶערִיבֶּער עֶסְן מִיר מִילְכִיגְס צוּ וַוייזְן אַז מִיר זֶענֶען נֵיי גֶעבּוֹירְן, מִיר הוֹיבְּן אָן פוּן דָאסְנֵיי זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט: מֶען זֶעט אַז דִי תּוֹרָה הוֹיבְּט זִיךְ אָן מִיטְן אוֹת 'ב' וָואס אִיז פַארְמַאכְט פוּן אַלֶע זַייטְן, עֶס אִיז אָפְן נָאר אוֹיף פָארְאוֹיס; דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז אוֹיבּ מֶען וִויל מַצְלִיחַ זַיין טָאר מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק, נָאר אוֹיף פָארְאוֹיס; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, פַארְוָואס עֶסְט מֶען מִילְכִיגְס שָׁבוּעוֹת? וַוייל יֶעדֶע עֶסְן וָואס וֶוערְט פַארְדָארְבְּן קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט נִיצְן, מֶען וַוארְפְט דָאס אַוֶועק, חוּץ מִילְךְ; וָואס אֲפִילוּ אַז עֶס

וֶוערְט פַארְדָארְבְּן קֶען מֶען דָאס נָאךְ נוּצְן, מֶען קֶען מַאכְן דֶערְפוּן קֶעז; דֶערְפַאר עֶסְט מֶען מִילְכִיגְס שָׁבוּעוֹת, וַוייל מֶען ווִיל וַוייזְן פַארְן מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, דוּ בִּיסְט פַארְדָארְבְּן גֶעוָוארְן, דָאךְ קֶענְסְטוּ נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן אוּן וֶוערְן אַ צַדִּיק, אַזוֹי ווִי פַארְדָארְבֶּענֶע מִילְךְ וָואס מֶען וַוארְפְט נִישְׁט אַוֶועק נָאר מֶען מַאכְט דֶערְפוּן פֵיינֶע קֶעז.

דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי: "עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין יֵאוּשׁ"; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עח): "אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל!" זָאגְט רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנג) דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעשְׁרִיגְן מִיט זַיין גַאנְצֶע כֹּחַ, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן בְּכָל גָּדוֹל: "גִּיוָואלְד, זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, קֵיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנֶען"; עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ ווִי יֵאוּשׁ, נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין עֲבֵירָה וָואס מֶען קֶען נִישְׁט מְתַקֵּן זַיין.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין, שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אוּיב דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט טוּן שְׁלֶעכְטְס גְלֵייב אוּיךְ אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן; מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין דֶעם, מֶען דַארְף ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן אוּנְזֶער תְּשׁוּבָה, עֶר וַוארְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים.

דֶער יֵצֶר הָרָע ווִיל נָאר אֵיין זַאךְ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ: "גֶעבּ זִיךְ אוּנְטֶער!" עֶר ווִיל אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל בַּיי זִיךְ אָפְּמַאכְן אֵיין מָאל פַאר אַלֶעמָאל אוּן זָאגְן: ׳אִיךְ בִּין שׁוֹין פַארְפַאלְן!׳ יֶעדֶעס מָאל עֶר וַוארְפְט אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת אִיז זַיין כַּוָּונָה נָאר מַחְלִישׁ דַּעַת זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוּיפְגֶעבְן אוּן אוּיפְהֶערְן צוּ פְּרוּבִּירְן זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ; דָאס וַוייזְט אוּנְז דֶער מִנְהָג פוּן עֶסְן מִילְכִיגְס: "פוּן פַארְדָארְבֶּענֶע מִילְךְ מַאכְט מֶען קֶעז", דָאס הֵייסְט: "פוּן אַ פַארְדָארְבֶּענֶער מֶענְטְשׁ קֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק".

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר: "שְׁטַארְק זִיךְ אוּן הֵייבּ זִיךְ אוּיף!" אוּן זֵיי נִישְׁט צֶעקְלַאפְּט בַּיי דִיר. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר׳ן דֶעם מַאֲמָר חֲזַ"ל (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִימֵיכֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל

אויף זיך דעם עול תּוֹרָה, דָאס הֵייסְט, עֶר נֶעמְט זיך פָאר צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה – זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: רֶעכְן אִיךְ כְּאִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

דֶערְפַאר, יֶעצְט וֶוען מִיר זֶענֶען מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה אִין יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, הוֹיבּ אָן לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רֶעכֶענֶען כְּאִילוּ דוּ הָאסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

קוּק נִישְׁט צִי דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס דוּ לֶערְנְסְט אָדֶער נִישְׁט; דוּ זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, נִישְׁט קֵיין חִילּוּק צִי דוּ פַארְשְׁטֵייסְט יָא צִי נִישְׁט, אוּן אֲפִילוּ דָאס לֶערְנֶען הָאט אַ פָּנִים וִוי אַ שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען. עֶס אִיז דָא וָואס פִירְן זִיךְ צוּ עֶסְן קְרֶעפְּלֶעךְ שָׁבוּעוֹת, עֶס אִיז גֶעמַאכְט מִיט דְרֵיי עֶקְן; דָאס דֶערְמַאנְט אוּנְז דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם אוּן תָּם (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט) וואוּ דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז דֶער תָּם אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּסְטֶער, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען מַאכְט שֵׁיינֶע שִׁיךְ, עֶר פְלֶעגְט מַאכְן אַ שׁוּךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן, עֶס הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי אַ שׁוּךְ, דָאךְ פְלֶעגְט עֶר נֶעמֶען דֶעם דְרֵיי עֶקִיגְן שׁוּךְ אוּן זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט דֶעם אוּן גֶעזָאגְט: "וָואס פַאר אַ שֵׁיינֶע שׁוּךְ הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט, וִוי זִיס אִיז מַיין שׁוּךְ, וִוי הָאנִיגְדִיג אִיז מַיין שׁוּךְ, וָואסְפַארַא צוּקֶערְדִיגֶע שׁוּךְ, אַ וואוּילֶע שׁוּךְ", זַיין וַוייבּ פְלֶעגְט אִים פְרֶעגְן: "אוֹיבּ אִיז עֶס יָא אַזוֹי, פַארְוָואס נֶעמֶען אַנְדֶערֶע שׁוּסְטֶערְס אַסַאךְ מֶער גֶעלְט וִוי דוּ נֶעמְסְט פַאר דַיין שִׁיךְ?" פְלֶעגְט דֶער תָּם אִיר עֶנְטְפֶערְן: "וָואס הָאט דָאס צוּ טוּן מִיט מִיר? דָאס אִיז זַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה, אוּן וָואס דַארְף מֶען רֶעדְן פוּן אַ צְוֵוייטְן, לָאמִיר זֶען וִויפִיל אִיךְ פַארְדִין מִיַּד לְיַד".

דֶערִיבֶּער עֶסְן מִיר שָׁבוּעוֹת דְרֵיי עֶקִיגֶע קְרֶעפְּלֶעךְ, צוּ גֶעדֶענְקֶען, אַז אֲפִילוּ אוּנְזֶער דַאוֶוענֶען הָאט אַ פָּנִים וִוי אַ שׁוּךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן זָאל מֶען זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין מִיט דֶעם, אוּן אַז דָאס לֶערְנֶען הָאט אַ פָּנִים וִוי אַ שׁוּךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן זָאלְן מִיר זָאגְן דִי אַלֶע לְשׁוֹנוֹת וָואס דֶער תָּם הָאט גֶעזָאגְט אוּן גֶעזִינְגֶען צוּ זַיין שִׁיכֶעלֶע; וַוייל דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן: "אַ

מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט יֶעדֶע נְקוּדָה טוֹבָה, אֲפִילוּ עֶס אִיז וַוייט פוּן שְׁלֵימוּת".

שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט זָאלְסְטוּ אוֹיף בְּלַייבְּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט; עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (הַקְדָמָה ח.) רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז אוֹיפְגֶעוֶועןן שָׁבוּעוֹת אַ גַאנְצֶע נַאכְט מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּן מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה נְבִיאִים וּכְתוּבִים - פוּן יֶעדֶע פַּרְשָׁה דֶער עֶרְשְׁטֶער פָּסוּק אוּן דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי יֶעדֶע סֵפֶר פוּן נְבִיאִים וּכְתוּבִים דֶער עֶרְשְׁטֶער פָּסוּק אוּן דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר זֵיי מְעוֹרֵר גֶעוֶועןן אַז זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת; רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז גֶעוֶועןן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה.

מִיר בְּלַייבְּן אוֹיךְ אוֹיף שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט צוּ זָאגְן דֶעם תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת; מֶען זָאגְט דֶעם עֶרְשְׁטְן פָּסוּק אוּן דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק פוּן יֶעדֶע סֶדְרָה פוּן חֲמִשָּׁה חֻמְשֵׁי תוֹרָה, נָאכְדֶעם זָאגְט מֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן פָּסוּק פוּן יֶעדֶע סֵפֶר פוּן נְבִיאִים וּכְתוּבִים אוּן דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק, נָאכְדֶעם לֶערְנְט מֶען דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת. דָאס אִיז דֶער עִיקַר תִּיקוּן, דִי אַלֶע אִיבְּרִיגֶע פְּסוּקִים דָאס הָאט מֶען צוּגֶעלֵייגְט, אָבֶּער דֶער עִיקַר תִּיקוּן אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער פָּסוּק אוּן דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק; אַ שָׁאד אַז מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט דֶערְפוּן, דֶערְפַאר גֵייט מֶען שְׁלָאפְן וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ זָאגְן דֶעם גְרוֹיסְן תִּיקוּן.

שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט אִיז נִישְׁט קַיין צַייט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט חֲבֵרִים מִיט שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים; שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע נַאכְט. מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ שְׁמוּעֶסְן בַּיינַאכְט, וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע נַאכְט; מֶען קֶען פּוֹעֵל'ן אַסַאךְ יְשׁוּעוֹת; דִי אַלֶע וָואס בְּלַייבְּן אוֹיף סְתָּם צוּ רֵייכֶערְן אוּן שְׁמוּעֶסְן אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע תִּיקוּן אַז זֵיי זָאלְן גֵיין שְׁלָאפְן. אָדֶער לֶערְנְט מֶען, אָדֶער אִיז מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אַ גַאנְץ יָאר שִׁיעוּרִים אִין כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ אוּן זַיין דָבוּק אִין אִים.

פַארְן עֲלוֹת הַשַּׁחַר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן נו): "הַמִּקְוֶה שֶׁל שָׁבוּעוֹת הִיא מִקְוֶה שֶׁל שַׁעַר נ', שֶׁהוּא

שַׁעַר הָעֶלְיוֹן מֵחֲמִשִּׁים שַׁעֲרֵי בִּינָה, שֶׁהוּא שֵׂכֶל וְדַעַת עֶלְיוֹן, חֶסֶד עֶלְיוֹן וְרַחֲמִים גְּדוֹלִים", וֶוען מֶען טוֹבֶל'ט זִיךְ אִין מִקְוֶה יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת פַּארְן עֲלוֹת הַשַּׁחַר אִיז מֶען זוֹכֶה מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת; מֶען בַּאקוּמְט שֵׂכֶל אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן.

דֶערְפַאר, נָאכְן עֶנְדִיגְן דֶעם 'תִּיקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת' זָאלְסְטוּ לוֹיפְן אִין מִקְוֶה זִיךְ טוֹבְל'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס עֶס מֵיינְט 'שַׁעַר הַחֲמִשִּׁים' אוּן דוּ וֵוייסְט גָארְנִישְׁט וְכוּ'. דֶער תִּיקּוּן גֶעשֶׁעט פוּן זִיךְ אַלֵיין, צִי מֶען פַארְשְׁטֵייט יָא צִי מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, דוּ גֵיי אִין מִקְוֶה 'עַל דַּעַת כָּל הַצַּדִּיקִים, וְעַל דַּעַת רַבֵּינוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב וְתַלְמִידָיו הַקְּדוֹשִׁים'.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ טַאנְצְן אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב; פְרֵיי דִיךְ שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מֶדְרָשׁ פְּלִיאָה) וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת כ, ב): "אָנֹכִי ה' אֱלֹהֶיךָ", הָאט משֶׁה רַבֵּינוּ גְלַייךְ אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן: "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי!" אַלֶע פְרֶעגְן וָואס אִיז דֶער קֶשֶׁר אֵיינְס מִיטְן צְוֵוייטְן? זָאגְט מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין קַשְׁיָא; וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן דִי תּוֹרָה אִיז משֶׁה רַבֵּינוּ גֶעוָוארְן אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאנְקֶען 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי! בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין אַ אִיד, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גּוֹי'"; אַז מֶען פְרֵייט זִיךְ מִיט דֶעם אִיז מֶען אֵייבִּיג פְרֵיילִיךְ, "אַ גּוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט, וָואס דוּ ווִילְסְט נָאר זָאגְן אוֹיף מִיר קֶענְסְטוּ זָאגְן, אָבֶּער אַ גּוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט".

זֶע צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן דַיין וַוייבּ, אוּן גֶעדֶענְק וָואס מֶען לֶערְנְט אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קָדָשִׁים: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין שְׁטוּבּ".

...

### מִנְהָגִים פוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', ג' סִיוָן, מ"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ אוֹיפְבְּלַייבְּן זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן לֵיל

שָׁבוּעוֹת, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן. מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, מֶען זָאל זָאגְן דִי עֶרְשְׁטֶע פָּסוּק אוּן דִי לֶעצְטֶע פָּסוּק פוּן יֶעדֶע פַּרְשָׁה, סַיי פוּן תּוֹרָה, סַיי פוּן נְבִיאִים אוּן סַיי פוּן כְּתוּבִים, אוּן נָאכְדֶעם זָאל מֶען זָאגְן דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת, אוּן אַז עֶס בְּלַייבְּט צַייט - זָאל מֶען גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן פַארְן עֲלוֹת הַשַּׁחַר גֵייט מֶען אִין מִקְוֶה. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נו, אוֹת ז) זִיךְ טוֹבֵל'ן אִין מִקְוֶה שָׁבוּעוֹת פַארְטָאגְס, פַארְן עֲלוֹת - אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס; אִין קַבָּלָה שְׁפְּרַאךְ אִיז דָאס 'שַׁעַר נ', חֶסֶד עֶלְיוֹן וְרַחֲמִים גְּדוֹלִים'.

גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען אִין אַזַא הֵיילִיגֶע נַאכְט - דִי צַייט, אוּן זִיכֶער נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ חִלּוּל יוֹם טוֹב, רֵייכֶערְן צִיגַארֶעטְלֶעךְ, וַוייל דִי נַאכְט אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס. דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט (שַׁעַר הַכַּוָּנוֹת דְּרוּשֵׁי חַג הַשָּׁבוּעוֹת, דְּרוּשׁ א): "וְכָל מִי שֶׁלֹּא יָשֵׁן בַּלַּיְלָה הַזֶּה כְּלָל, אֲפִילוּ רֶגַע אֶחָד", וֶוער עֶס דְרִימְלְט נִישְׁט דִי נַאכְט פַאר קַיין אֵיין רֶגַע נִישְׁט, "וִיהִי' עוֹסֵק בַּתּוֹרָה כָּל הַלַּיְלָה", אוּן עֶר וֶועט זַיין פַארְנוּמֶען צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "מֻבְטָח לוֹ שֶׁיַּשְׁלִים שְׁנָתוֹ", קֶען זַיין זִיכֶער עֶר וֶועט אוֹיסְלֶעבְּן דִי יָאר, "וְלֹא יֶאֱרַע לוֹ שׁוּם נֶזֶק בַּשָּׁנָה הַהִיא", אוּן עֶס וֶועט אִים נִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס דִי גַאנְצֶע יָאר, אוּן דֶער צַדִּיק רֶבִּי חַיִּים פַּלַאגִ'י זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (מוֹעֵד לְכָל חַי סִימָן ח', אוֹת טז) מֶען אִיז זוֹכֶה "לְבָנִים וּבְנֵי בָנִים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, וְעוֹשֶׂה תִּיקּוּן לַשְּׁכִינָה, וּמְתַקֵּן מַה שֶּׁפָּגַם בְּעֵינָיו".

עַל פִּי הָאֲרִיזַ"ל שֶׁערְט מֶען זִיךְ נִישְׁט אָפּ דִי הָאר בִּיז עֶרֶב שָׁבוּעוֹת (עַיֵּין שַׁעֲרֵי תְּשׁוּבָה אוֹרַח חַיִּים סִימָן תצג, סְעִיף קָטָן ח).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מִנְהֲגֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', ג' סִיוָן, מ"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק
לִכְבוֹד גַּבָּאֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, הַשֵּׁם עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן צוּ דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב אוֹיף זְמַן רַבֵּינוּ תָּם. דֶער

עִיקָר זָאל מֶען נִישְׁט מַאכְן קִידוּשׁ אִין שְׁטוּבּ אֵיידֶער זְמַן רַבֵּינוּ תַּם, כְּדֵי עֶס זָאל זַיין שֶׁבַע שַׁבָּתוֹת תְּמִימֹת, אַזוֹי פַּסְקְ'נְט דֶער מָגֵן אַבְרָהָם (רֵישׁ סִימָן תצד).

בַּיי אוּנְז פִירְט מֶען זִיךְ נִישְׁט צוּ זָאגְן דִי פִּיוּטִים פוּן מַעֲרָבִית.

מִיר זִינְגֶען בַּיי מַעֲרָבִית "אַהֲבַת עוֹלָם" וְכוּ'.

(שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט זָאגְן מִיר אִינְאֵיינֶעם דִי תִּיקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת, אֵיינֶער זָאגְט פָאר הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל אוּן אַלֶע זָאגְן מִיט אִינְאֵיינֶעם. מִיר זִינְגֶען הַארְצִיגֶע נִיגוּנִים צְווִישְׁן תּוֹרָה אוּן נְבִיאִים, צְווִישְׁן נְבִיאִים אוּן כְּתוּבִים אוּן צְווִישְׁן כְּתוּבִים אוּן דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת. אַזוֹי אוֹיךְ, נָאךְ יֶעדֶע הוּנְדֶערְט מִצְוֹת זִינְגֶען מִיר שֵׁיינֶע הַארְצִיגֶע אִידִישֶׁע נִיגוּנִים.

נָאכְן תִּיקּוּן אַז עֶס אִיז נָאךְ דָא צַייט - טַאנְצְן מִיר אִינְאֵיינֶעם).

יוֹם טוֹב אִינְדֶערְפְרִי בַּיי שַׁחֲרִית זִינְגֶען מִיר דִי בְּרָכָה פוּן "אַהֲבָה רַבָּה" מִיטְן נִיגוּן פוּן דֶעם צַדִּיק רֶבִּי הֶערְשׁ מְרִימְנוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

בַּיי שַׁחֲרִית דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג; אוֹיבּ מֶען דַאוֶוענְט וָתִיקִין זָאגְט מֶען נִישְׁט יוֹצְרוֹת, אוּן אַז מֶען דַאוֶוענְט נִישְׁט וָתִיקִין זָאגְט מֶען יָא דִי יוֹצְרוֹת, אָבֶער מֶען זָאגְט נִישְׁט דֶעם פִּיוּט - פוּן "וּבְכֵן ה' קָנָנִי רֵאשִׁית דַּרְכּוֹ" - בִּיז "וּבְכֵן וַיֵּרֶד מֹשֶׁה" וְכוּ'. אוֹיךְ זָאגְן מִיר נִישְׁט דִי לַאנְגֶע פִּיוּט פַאר קְדוּשָּׁה.

מֶען רוּפְט אוֹיס כֹּהֵן אוּן אֵיידֶער עֶר אִיז עוֹלֶה זָאגְט מֶען דִי אַקְדָמוּת מִיטְן זִיסְן בַּאקַאנְטְן נִיגוּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בַּאוואוּנְדֶערְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רנו).

מִיר פִירְן זִיךְ צוּ לֵיינֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג שָׁבוּעוֹת צְווִישְׁן מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב דֶעם שְׁטַר אֵירוּסִין וּתְנָאִים, אוּן דֶעם צְוֵוייטְן טָאג - דִי כְּתוּבָּה צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל נַאגָ'רָה זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען. מֶען זִינְגְט שֵׁיינֶע נִיגוּנִים אוּן מֶען רֶעדְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק.

(פַאר דִי בְּנֵי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס הָאבְּן נָאר אֵיין טָאג יוֹם טוֹב; דִי יָאר וָואס מֶען גֵייט אַרַיין פוּן יוֹם טוֹב צוּ שַׁבַּת קוֹדֶשׁ - זָאגְט מֶען נִישְׁט דִי גַאנְצֶע קַבָּלַת שַׁבָּת, מֶען הוֹיבְּט אָן מִיט "בֹּאוּ וְנֵצְא לִקְרַאת כַּלָּה" וְכוּ', "מִזְמוֹר לְדָוִד" וְכוּ',

"לְכָה דוֹדִי" וְכוּ', "לֹא תֵבֹשׁוּ" וְכוּ' און אַזוֹי וַוייטֶער, און מֶען לָאזְט אוֹיס "כְּגַוְנָא").

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שָׁבוּעוֹת, אַ נֵייעֶ תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר-מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ"ח אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חָשׁוּב'ֶע חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקוֹדֶשׁ, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ.

מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער און נֶענְטֶער צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה וֶוען מִיר גֵייעֶן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּנְדַאסְנֵיי.

אִיר וֵוייסְט אַוַדַאי דֶעם סִיפּוּר וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיי רֶבִּי נָתָן, אַמָאל יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען פְּתִיחַת הָאָרוֹן און וֶוען עֶר הָאט אַרוֹיס גֶענוּמֶען דֶעם סֵפֶר תּוֹרָה פוּן אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ הָאט עֶר זִיךְ מוֹרָא'דִיג צוּפְלַאמְט און אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן: "אַ נֵייעֶ תּוֹרָה!" "אַ נֵייעֶ תּוֹרָה!" - הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן, און אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעוָוארְן אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען טַאנְצְן מִיט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; דָאס אִיז גֶעוֶוען רֶבִּי נָתָן, עֶר אִיז גֶעוֶוען פְרִישׁ, אַלְץ אִיז גֶעוֶוען נֵיי; אַ נֵייעֶ יוֹם טוֹב, אַ נֵייעֶ תּוֹרָה, אַ נֵייעֶ טָאג.

אַז מֶען גֵייט צוּ צוּם יוֹם טוֹב שְׁבוּעוֹת מִיט אַזַא הֲכָנָה אִיז אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ; מֶען גְרֵייט זִיךְ מִיט שִׂמְחָה צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, אַ נֵייעֶ תּוֹרָה. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סִפְרִי, לג) אוֹיפְן פָּסוּק (דְּבָרִים ו, ו): אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם - "לֹא יִהְיוּ בְעֵינֶיךָ כִּיְשָׁנָה, אֶלָּא כַּחֲדָשָׁה שֶׁהַכֹּל רָצִין לִקְרָאתָהּ", וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה דַארְף דָאס זַיין מִיט אַ הִתְחַדְּשׁוּת; אַ נֵייעֶ תּוֹרָה.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר וֶועט דַאוֶוענֶען אִינְאֵיינֶעם אוּם יוֹם

טוֹב שְׁבוּעוֹת, שְׁבוּעוֹת אִיז אֵיינֶע פוּן דִי צַייטְן וָואס מֶען פְלֶעגְט קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן; בְּחַיִּים חַיּוּתוֹ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶועןְ דְרַיי זְמַנִּים וֶוען מֶען פְלֶעגְט קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן: 'רֹאשׁ הַשָּׁנָה', 'שַׁבָּת חֲנוּכָּה' אוּן 'שָׁבוּעוֹת', נָאכְן רֶבִּינְ'ס הִסְתַּלְּקוּת - שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן - קוּמְט מֶען וַוייטֶער צוּם רֶבִּי'ן נָאר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אוֹיף שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת פָּארְט מֶען נִישְׁט צוּם רֶבִּי'ן, דָאס וָואס מֶען זֶעט הַיינְט נְסִיעוֹת קַיין אוּמַאן אוֹיף שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן שָׁבוּעוֹת דָאס אִיז פוּן דִי סוֹכְנֵי נְסִיעוֹת (טְרֶעוֶועל אַגֶענְטְן) וָואס ווִילְן מַאכְן פַּרְנָסָה וְכוּ'.

אִיר זָאלְט פְּרוּבִּירְן דַאוֶוענֶען אִינְאֵיינֶעם אוּם יוֹם טוֹב שְׁבוּעוֹת, וַוייל וואוּ צֶען מֶענְטְשְׁן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קוּמֶען זִיךְ צַאם - דָארְט אִיז דֶער רֶבִּי. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט בִּשְׁעַת עֶר אִיז אַוֶועק גֶעפָארְן פוּן בְּרֶסְלֶב קַיין אוּמַאן; דֶער רֶבִּי אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים טִיר פוּן זַיין שְׁטוּבּ, עֶר הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן גֶעזָאגְט: "תִּרְאוּ לְהִתְקַבֵּץ יַחַד, וּלְהִתְפַּלֵּל יַחַד", אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען, "כִּי אִם תִּתְפַּלְּלוּ בְּכַוָּנָה, אוּלַי תּוּכְלוּ לְהַמְשִׁיךְ אוֹתִי לְכָאן עוֹד הַפַּעַם", וַוייל אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען, וֶועט אִיר מִיר קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ אַייךְ (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קפז).

אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין בַּאקוּמֶען שֵׁיינֶע גְרִיסְן פוּן אַייעֶר חַבּוּרָה; אִיךְ הָאבּ אַזוֹי הֲנָאָה צוּ הֶערְן ווִי שֵׁיין אִיר לֶעבְּט מִיט לִיבְּשַׁאפְט אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, ווִי מֶען אִיז מְקָרֵב יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס קוּמְט. אִיךְ בִּין טַאקֶע וַוייט בְּרִחוּק מָקוֹם אָבֶּער מַיין הַארְץ אִיז מִיט אַייךְ; אִיךְ וַוארְט אוּן הָאף צוּ קֶענֶען קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זִיךְ טְרֶעפְן מִיט אַייךְ אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִינְאֵיינֶעם.

אִיךְ שִׁיק אַייךְ דֶעם תִּיקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת וָואס מִיר הָאבְּן גֶעמַאכְט; אַ שָׁאד אִיר זָאלְט נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְרוֹיסֶע תִּיקּוּנִים וָואס קוּמֶען אַרָאפּ יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת. זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זָאגְן נִישְׁט דֶעם תִּיקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת צוּלִיבּ דֶעם וָואס עֶס נֶעמְט זֵייעֶר לַאנְג, וָואלְטְן זֵיי וֶוען גֶעווּאוּסְט אַז דֶער גַאנְצֶער תִּיקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת נֶעמְט נִישְׁט מֶער ווִי אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה אוּן נָאךְ אַבִּיסְל - וָואלְטְן אַלֶע דָאס גֶעזָאגְט.

דֶערִיבֶּער הָאבְּן מִיר גֶעדְרוּקְט דֶעם תִּיקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן, מֶען זָאל זָאגְן נָאר דֶעם עֶרְשְׁטְן פָּסוּק אוּן דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק פוּן יֶעדֶע סֶדְרָה אִין חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה] אוּן פוּן יֶעדֶע סֵפֶר אִין נַ"ךְ, נָאכְדֶעם לֶערְנְט מֶען דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת אוּן אַז עֶס בְּלַייבְּט אִיבֶּער צַייט אִיז מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד.

שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט אִיז נִישְׁט אַ צַייט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט חֲבֵרִים מִיט שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים; שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע נַאכְט, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ שְׁמוּעֶסְן בַּיינַאכְט; מֶען קֶען אִין דֶעם נַאכְט פּוֹעֵל'ן אַסַאךְ יְשׁוּעוֹת. דִי אַלֶע וָואס בְּלַייבְּן אוֹיף סְתָּם צוּ רֵייכֶערְן אוּן שְׁמוּעֶסְן אִיז אַ גְרֶעסֶערֶער תִּיקּוּן אַז זֵיי זָאלְן גֵיין שְׁלָאפְן, אָדֶער לֶערְנְט מֶען אָדֶער אִיז מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אַ גַאנְץ יָאר שִׁיעוּרִים אִין כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ אוּן זַיין דָבוּק אִין אִים.

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן יוֹם טוֹב.

...

### וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מַצְלִיחַ צוּ גֶעדֶענְקֶען אוּן גוּט קֶענֶען דָאס לֶערְנֶען?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַז דוּ ווִילְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶערְנֶען, דוּ ווִילְסְט גֶעדֶענְקֶען דָאס לֶערְנֶען, אוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט אַ סִימָן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אַ מִקְצוֹעַ - צוּ קֶענֶען דִי הֲלָכוֹת קְלָאר - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם; בַּיים דַאוֶוענֶען בַּיי אַהֲבַת עוֹלָם אִינְדֶערְוָואכְן, אוּן בַּיי אַהֲבָה רַבָּה - זָאלְסְטוּ זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן בֶּעטְן: "וְתֵן בְּלִבֵּנוּ בִינָה לְהָבִין וּלְהַשְׂכִּיל וְכוּ'". "וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶיךָ" - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן מִיט טְרֶערְן אַז עֶס זָאל דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן דִי אוֹיגְן אִין דִי תּוֹרָה; אַנְשְׁטָאט זִיצְן אוֹיף אֵיין סְעִיף אַ לַאנְגֶע צַייט אוּן קְוֶועטְשְׁן אַזוֹי לַאנְג

– זָאלְסְטוּ דַאוֶנֶען אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין לְכִתְרָהּ שֶׁל תּוֹרָה.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן טָאג צוּפְרִי, אִינְמִיטְן טָאג אוּן בַּיינַאכְט, אוּן בֶּעט אַסַאךְ פַאר דֶעם; זָאלְסְט פַארְשְׁטֵיין דִי תּוֹרָה, אוּן זוֹכֶה זַיין לִלְמוֹד וּלְלַמֵּד לִשְׁמוֹר וְלַעֲשׂוֹת.

וַוייז דֶעם בְּרִיוו פַאר אַלֶע כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט.

...

**בְּלַייבְּן צוּגֶעקְנִיפְּט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין חֶדֶר הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא, ז' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן מַיין זוּן הָרַב שִׁמְעוֹן שְׁלִיטָ"א אִיז נֶעכְטְן אַ חָתָן גֶעוָוארְן לְמַזָּל טוֹב מִיט אַ טָאכְטֶער פוּן ר' אַבְרָהָם מֹשֶׁה נֵרוֹ יָאִיר. נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען דֶער יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן יֵיטֶב לֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן פוּן הֵיילִיגְן תּוֹסֶפֶת יוֹם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, סַיי מַיין זוּן דֶער חָתָן אוּן סַיי דִי כַּלָּה – זֶענֶען בֵּיידֶע אֵיינִיקְלֶעךְ פוּן יֵיטֶב לֵב אוּן תּוֹסֶפֶת יוֹם טוֹב; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ נַחַת אוּן שִׂמְחָה בַּיי אוּנְז אַלֶע.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דֶער וֶועכְנְטְלִיכֶער לֵיל שִׁישִּׁי שִׁיעוּר. עֶס אִיז וִויכְטִיג צוּ קוּמֶען, עֶס אִיז וִויכְטִיג זִיךְ צוּ הַאלְטְן מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, עֶס אִיז וִויכְטִיג נָאכְאַמָאל צוּ הֶערְן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וִוי מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ. בִּפְרָט יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל וֶוען מִיר גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן – דַארְף מֶען זִיךְ פוּן פְרִישׁ בַּאנֵייעֶן צוּ טוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן; דָאס קֶען מֶען נָאר דוּרְךְ זִיךְ הַאלְטְן אִין דִי הֵיילִיגֶע חַבוּרָה פוּן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אַ חַבוּרָה פוּן אֱמוּנָה, אַ חַבוּרָה פוּן זוּכְן אִין זִיךְ אוּן אִין אַ צְוֵוייטְן נְקוּדוֹת טוֹבוֹת.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (פִּיּוּט אַקְדָּמוּת): "קְבִיעִין כֵּן תֶּהֱווֹן, בְּהַנְהוּ

חֲבוּרָתָא", זָאלְסְט בְּלַייבְּן צוּגֶעקְנִיפְּט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין חֲדַר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן גָארְנִישְׁט, זִיךְ נִישְׁט אָפְּקִילְן פוּן קֵיינֶעם, זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן מַאכְן פוּן בִּלְבּוּלִים אוּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת וְכוּ'. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר ר' לִיפָּא וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעקִילְט אוּן מֶער נִישְׁט גֶעקוּמֶען, שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר גֶעקוּמֶען הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שטו): "תָּמֵהַּ אֲנִי", עֶס וואוּנְדֶערְט מִיר, "אֵיךְ מַשְׁלִיכִים חֲבוּרָה אֲהוּבָה וַחֲבִיבָה כָּזוֹ", וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ אָפְּלָאזְן אַזַא בַּאלִיבְּטֶע חַבוּרָה?

אִיךְ וִויל דִיךְ פְּרֶעגְן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט קֶענֶען מִיטְנֶעמֶען אַ קְלֵיין פֶּעקְל סְפָרִים קַיין אוּמַאן פַאר דִי מְפִיצִים; אִיךְ וֶועל דָאס אוֹיסְטֵיילְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת נָאךְ סְלִיחוֹת, אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט נֶעמֶען אֵיינְס אָדֶער מֶער - וֶועט דָאס זַיין אַ גְרוֹיסֶע הִילְף פַאר דִי מְפִיצִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### אָנְהַאלְטְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן פוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב', ח' סִיוָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ הֶערְלִיכֶער יוֹם טוֹב, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ שֵׁיינֶער קִיבּוּץ; אִיךְ הָאבּ הַנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין דָארְט יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע מִינוּט.

יֶעצְט דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אָנְצוּהַאלְטְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן. יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת הָאבְּן מִיר זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה, יֶעצְט דַארְף מֶען אָנְהַאלְטְן דָאס בֶּענְקֶען; וַוייטֶער בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּענְקֶען צוּ דִי תּוֹרָה אוּן צוּ אַלֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען בֶּענְקֶען, וֶועלְן אוּן הָאפְן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זַיין מְחוּתָּן, הָרַב הַצַּדִּיק מְוָואלְטְשִׁיסְק זֵכֶר צַדִּיק

לִבְרָכָה, וָואס הָאט פֶּערְצִיג יָאר גֶעבֶּענְקְט צוּ אָנְקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן וֶוען דֶער חְמֶעלְנִיקֶער רָב (אוֹיךְ אַ מְחוּתָּן פוּן רֶבִּי'ן) הָאט דָאס גֶעהֶערְט - הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "וָואס דַארְף מֶען זִיךְ בֶּענְקֶען? אוֹיבּ וִויל מֶען פָּארְן עֶפְּנְט מֶען דִי בֶּערְזְל, מֶען נֶעמְט גֶעלְט אוּן מֶען פָּארְט".

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "דֶער מְחוּתָּן פוּן וָואלְטְשִׁיסְק וֶועט אָנְקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן דֶער מְחוּתָּן חַמֶעלְנִיקֶער רָב - נִישְׁט", ווַייל דֶער עִיקָר אִיז דָאס בֶּענְקֶען, וֶועלְן אוּן הָאפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווִיבַאלְד דִי אִידְן הָאבְן אִין זִיךְ עַזּוּת, קֶענֶען זֵיי זוֹכֶה זַיין צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ, אַז מִיר הָאבְן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וִויסְן פוּן אַזַא גְרוֹיסֶע רֶבִּי, אַ רֶבִּי וָואס אִיז אוּנְז מְחַזֵּק אוּן מְעוֹדֵד אִין אַלֶע אוּנְזֶערֶע שְׁוֶוערֶע מַצָּבִים; אַ רֶבִּי וָואס לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן מח): "צְרִיכִין לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת ה'", וֶוער עֶס וִויל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף וִויסְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַז מֶען אִיז אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן; ווַייל דֶער יֵצֶר הָרָע הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּוַוארְפְן אַ מֶענְטְשׁ, אוּן בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אִים חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל טְרַאכְטְן כְּאִילּוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט. אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַן עַקְשָׁן, אוּן עֶר לָאזְט נִישְׁט נָאךְ, נָאר עֶר גֵייט שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין סוֹף כָּל סוֹף צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט נָאכְן הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת; חֲזַ"ל זָאגְן (בֵּיצָה כה:): "מִפְּנֵי מַה נִתְּנָה תּוֹרָה לְיִשְׂרָאֵל, מִפְּנֵי שֶׁהֵן עַזִּין", פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן? וַוייל דִי אִידְן הָאבְּן אִין זִיךְ עַזּוּת; לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס הָאט קַבָּלַת הַתּוֹרָה צוּ טוּן מִיט עַזּוּת? נָאר וָואס דֶען, מֶען קֶען נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה נָאר אַז מֶען הָאט אִין זִיךְ עַזּוּת. דָאס הֵייסְט, אַז אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער, אוּן מֶען וַוארְפְט אִים אַרָאפּ כְּסֵדֶר, דָאךְ אִיז עֶר אַן עַקְשָׁן, אוּן עֶר קוּמְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס זָאגְן חֲזַ"ל, אַז וִויבַּאלְד דִי אִידְן הָאבְּן אִין זִיךְ עַזּוּת, קֶענֶען זֵיי זוֹכֶה זַיין צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט אוֹיף דֶעם וָואס חֲזַ"ל זָאגְן (מְנָחוֹת פו:) אוֹיפְן נֵר הַמַּעֲרָבִי: "עֵדוּת הוּא לְכָל בָּאֵי עוֹלָם, שֶׁהַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה בְּיִשְׂרָאֵל", אַז דִי מְנוֹרָה אִיז גֶעוֶוען אַן עֵדוּת פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּהְט בַּיי דִי אִידְן; זָאגְט רֶבִּי נָתָן אַז בַּיי דִי מְנוֹרָה שְׁטֵייט (בַּמִּדְבָּר ח, ד): "וְזֶה מַעֲשֵׂה הַמְּנֹרָה, מִקְשָׁה זָהָב", מִקְשָׁה אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן עַקְשָׁנוּת; אַז דָאס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּהְט בַּיי דִי אִידְן, אִיז וֶוען עֶס אִיז מִקְשָׁה זָהָב, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט בַּיי זִיךְ עַקְשָׁנוּת אוּן עֶר לָאזְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט אָפּ, נָאר עֶר גֵייט שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת, אוּן דוּ זָאלְסְט גֵיין דְרֵיי מָאל אַ טָאג אִין שׁוּל דַאוֶונֶען, מִיט מִנְיָן דַּוְקָא; מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן, וֶוער עֶס וִויל הָאבְּן פַּרְנָסָה, זָאל שְׁטֶענְדִיג דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן, וַוייל אַז מֶען דַאוֶונְט מִיט מִנְיָן הָאט מֶען אַ דָבָר שֶׁבְּמִנְיָן; אֲפִילוּ דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִיר אַ שׁוּלְד גֶעפִיל, אוּן עֶר מַאכְט דִיךְ טְרַאכְטְן אַז קֵיינֶער דַארְף דִיךְ נִישְׁט, דָאךְ זָאלְסְטוּ זַיין אַן עַקְשָׁן אוּן גֵיין אִין שׁוּל.

זָאלְסְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן, אֲפִילוּ מֶען וֶועט דִיר אַיינְרֶעדְן אַז עֶס אִיז לְשֵׁם שָׁמַיִם, אוּן עֶס אִיז אַ מִצְוָה, זָאלְסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן אִיד. אִיךְ בֶּעט דִיר בְּרוּדֶער, אַנְטְלוֹיף פוּן דִי מִצְוֹת; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן א') וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה

און עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה, וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דֶעם סָארְט יֵצֶר הָרָע וָואס רֶעדְט אֵיין אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה יֶענֶעם צוּ טְשֶׁעפֶּען.

חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (בָּבָא בַּתְרָא צא.) בֹּעַז הָאט גֶעהַאט דְרַייסִיג זוּן און דְרַייסִיג טֶעכְטֶער, און יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט אַ קִינְד הָאט עֶר גֶעמַאכְט צְוֵויי סְעוּדוֹת, אַ סְעוּדַת אֵרוּסִין און אַ סְעוּדַת נִשּׂוּאִין, וָואס צוּזַאמֶען הָאט עֶר גֶעמַאכְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער הוּנְדֶערְט און צְוָואנְצִיג סְעוּדוֹת; עֶר הָאט גֶעהַאט אַ חַבֵר מָנוֹחַ וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, און בַּיי קַיין אֵיינְס פוּן דִי הוּנְדֶערְט צְוָואנְצִיג סְעוּדוֹת הָאט עֶר אִים נִישְׁט גֶערוּפְן, ווַייל עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "כּוּדְנָא עֲקָרָה בְּמַאי פָּרְעָא לִי", דֶער אֵייזְל דֶער עָקָר, מִיט וָואס קֶען עֶר מִיר בַּאצָאלְן, עֶר הָאט דָאךְ נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, מִמֵּילָא גֵייט עֶר מִיר נִישְׁט צוּרִיקְרוּפְן צוּ קַיין שִׂמְחוֹת, זָאגְן חֲזַ"ל: "וְכֻלָּן מֵתוּ בְּחַיָּיו", אַלֶע קִינְדֶער פוּן בֹּעַז זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן בְּחַיָּיו, פַאר אַן עוֹנֶשׁ וָואס עֶר הָאט גֶעטְשֶׁעפֶּעט זַיין חַבֵר.

דֶער בֶּן אִישׁ חַי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט אִין זַיין סֵפֶר בֶּן יְהוֹיָדָע אוֹיפְן פְּלַאץ, אַז בֹּעַז אִיז גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, און דִי סִיבָּה פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶערוּפְן מָנוֹחַ אִיז גֶעוֶוען לְשֵׁם שָׁמַיִם, ווַייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז זַיין חַבֵר זָאל הָאבְּן קִנְאָה אוֹיף דִי חֲתוּנוֹת וָואס עֶר הַאלְט אִין אֵיין מַאכְן; מִיט דֶעם אַלֶעם, וִויבַּאלְד עֶר הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען צַעַר פַאר זַיין חַבֵר, אִיז עֶר גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי ווַייט מֶען דַארְף זַיין נִזְהָר אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְן, נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן אַ חַבֵר.

חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בְּאוֹנָאַת אִשְׁתּוֹ, שֶׁמִּתּוֹךְ שֶׁדִּמְעָתָהּ מְצוּיָה אוֹנָאָתָהּ קְרוֹבָה", אַ מֶענְטְשׁ זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען זַיין ווַייבּ, ווַייל אַ פְרוֹי וֵויינְט זֵייעֶר שְׁנֶעל, און מֶען קֶען בַּאקוּמֶען אַ גְרוֹיסְן עוֹנֶשׁ. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן קַיין שׁוּם אִיד, און בִּפְרַט דַיין אֵייגֶענֶע ווַייבּ.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן, עֶר הָאט מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אִין שְׁטוּב; אֵיינְמָאל הָאט אֵיינֶער גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף דֶעם אָרֶעמַאן, הָאט

רֶבִּי נָתָן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: "אוֹיף אִים אִיז אַ רַחְמָנוּת? אַ רַחְמָנוּת אִיז אוֹיף מֹשֶׁה חִינְקֶעס (וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מִתְנַגֵּד אוֹיף רֶבִּי נָתָן), וָואס עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן עֶר אִיז פַארְנוּמֶען אַ גַאנְצְן טָאג צוּ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט מֶען דַארְפְן אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן מֶען וֶועט דַארְפְן אָפְּגֶעבְן דִין וְחֶשְׁבּוֹן אוֹיף יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג; מַיין תַּלְמִיד אִיז נִישְׁט קַיין רַחְמָנוּת, וַוייל אַ גַאנְצְן טָאג אִיז עֶר עוֹסֵק אִין הִתְבּוֹדְדוּת אוּן מִיט זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אוּן נָאךְ אַבִּיסְל וֶוען עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט וַוארְט אִים אָפּ זַייעֶר אַ שֵׁיינֶער וֶועלְט".

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער גְרֶעסְטֶער רַחְמָנוּת אִיז דֶער וָואס לֶערְנְט נִישְׁט אוּן דֶער וָואס דַאוֶונְט נִישְׁט. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "אוֹיף צְוֵויי כִּיתּוֹת מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מִיר, אוּן אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְן יָא גֶעוִויסְט פוּן מִיר אָבֶער הָאבְן מִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, וַוייל אִיךְ וֵוייס אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען מֶען וֶועט לִיגְן מִיט דִי פוּס צוּם טִיר, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ גְרוֹיס חֲרָטָה הָאבְן פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מִיר, אוּן פַארְוָואס עֶר הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, וַוייל אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעוֶוען מְקוּרָב צוּ מִיר אוּן מִיךְ גֶעפָאלְגְט, וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין דַרְגָּא אוֹיף דֶער וָואלְט וָואס עֶר וָואלְט נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען, אָבֶער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט נוּצְן, עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט".

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, אִיעָצְךְ, וִיהִי אֱלֹקִים עִמָּךְ; וואוּ דוּ גֵייסְט זָאלְסְטוּ מִיטְנֶעמֶען אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנָיוֹת'ל, אוּן וֶוען דוּ הָאסְט אַפָּאר אִיבְּרִיגֶע מִינוּט זָאלְסְטוּ אַרַיינְכַאפְּן אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת - כְּסִדְרָן דַיְיקָא. דוּ קֶענְסְט דִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מִשְׁנָיוֹת טוּט פַארְן מֶענְטְשׁ; מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיגֶע בַּארִימֶען, אַז וֶוען מֶען וִויל זֶען וֶוער עֶס אִיז אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, זָאל מֶען קוּקְן וֶוער עֶס דְרֵייט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ מִשְׁנָיוֹת'ל אִין דִי הַאנְט.

וַוייל אַן אֱמֶת'ֶער תַּלְמִיד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט פַארְנוּמֶען מִיט אַ צְוֵוייטְן, עֶר זוּכְט נִישְׁט וואוּ צוּ מַאכְן מַחְלֹקֶת, אוּן עֶר מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט בַּיי

קֵיינֶעם. עֶר וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט עֶר דַארְפְן צוּרִיקְגֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָארְט וֶועט גָארְנִישְׁט נִיצְן, נָאר דִי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא וָואס עֶר הָאט אַרֵיינְגֶעכַאפְּט יֶעדְן טָאג, נָאר דָאס וֶועט מֶען מִיט נֶעמֶען מִיט זִיךְ, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת ו, ט): "אֵין מְלַוִּין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶּסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת, אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבָד".

רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: אַלֶעס קֶען אִיךְ זִיךְ אוֹיסְמָאלְן, נָאר נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן בָּרוּךְ הַבָּא אִין קֵבֶר, דָאס קֶען אִיךְ מִיר נִישְׁט אוֹיסְמָאלְן". גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אִין אוּנְזֶער דוֹר מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס הָאט מִיט אוּנְז כְּסֵדֶר גֶע'חַזֶר'ט אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיטְן תַּכְלִית, אוּן מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בֵּית הַקְבָרוֹת, אוּן אַז מֶען וֶועט אֵיין טָאג זַיין אַ גוֹסֵס אוּן אַ מֵת.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אַרָאפְּלֵייגְן וִוי אַזוֹי אַ לְוַיָ' זֶעט אוֹיס; דִי וַוייבּ שְׁרֵייט אוּן וֵויינְט: "מַיין מַאן, אוֹיף וֶועם הָאסְטוּ מִיךְ אִיבֶּערְגֶעלָאזְט", דִי קִינְדֶער וֵויינֶען: "טַאטֶע וֶוער וֶועט אוּנְז גֶעבְּן גֶעלְט? וֶוער וֶועט אוּנְז חֲתוּנָה מַאכְן?" פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "אָבֶּער קֵיינֶער הָאט נִישְׁט רַחְמָנוּת אוֹיפְן נִפְטָר אַלֵיין", מֶען נֶעמְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מֶען לֵייגְט אִים אַרֵיין אִין דֶער עֶרְד; דִי חֶבְרָה קַדִישָׁא קוּמֶען אוּן דֶעקְן אִים צוּ מִיט עֶרְד אוּן אַלֶע גֵייעֶן אַהֵיים, קֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט 'וָואס טוּט זִיךְ יֶעצְט אָפּ אִינֶעם קֵבֶר...' עֶס קוּמֶען צוּ גֵיין פֶעלְד-מַייזְן מִיט אַנְדֶערֶע חַיָ'לֶעךְ, וֶוערֶעם אוּן שְׁלַאנְגֶעלֶעךְ, אוּן זֵיי עֶסְן אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, וָואס דָאס אִיז שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסוּרִים פַארְן נִפְטָר.

קוּמְט רֶבִּי נָתָן אוּן זָאגְט, אַז אַ גוּף וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וֶועלְן דִי וֶוערֶעם אִין קֵבֶר נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דֶעם גוּף, נָאכְדֶעם קוּמְט מוֹהֲרָא"שׁ אוּן זָאגְט אַז אַ גוּף וָואס הָאט גֶעזָאגְט מִשְׁנַיוֹת וֶועלְן דִי וֶוערֶעם אִין קֵבֶר נִישְׁט צוּקוּמֶען.

פְרֶעג אִיךְ דִיר מַיין טֵייעֶרֶע בְּרוּדֶער ..., פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט פָּאלְגְן מוֹהֲרָא"שׁ אוּן זָאגְן יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת? נָאר דָאס וֶועט אוּנְז רַאטֶעוֶוען - סֵיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סֵיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט הַנָאָה וֶוען אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר, אוּן זָאלְסְט וִויסְן אַז אִיךְ וַוארְט אַז דוּ זָאלְסְט מִיר צוּרִיק שְׁרַייבְּן – אֲפִילוּ אַפָּאר שׁוּרוֹת; יֶעדֶעס מָאל וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר בִּין אִיךְ זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל דִיר הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן טָאג.

...

## "אַ נֵייעֶ תּוֹרָה!"

עֶס אִיז יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִינְדֶערְפְרִי, מֶען הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט הַלֵּל, מֶען גֵייט שׁוֹין בַּאלְד זָאגְן "אַקְדָמוּת", מֶען וַוארְט מֶען זָאל שׁוֹין עֶפֶענֶען דֶעם אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ, אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

פְּלוּצְלוּנְג הֶערְט מֶען שְׁרֵייעֶן הוֹיךְ: "אַ נֵייעֶ תּוֹרָה...! אַ נֵייעֶ תּוֹרָה...!" דֶער אִיד וָואס נֶעמְט אַרוֹיס דִי תּוֹרָה אִיז אִיבֶּערְגֶעדֶעקְט מִיטְ'ן טַלִּית אוּן שְׁרֵייט: "אַ נֵייעֶ תּוֹרָה! אַ נֵייעֶ תּוֹרָה!" עֶר הוֹיבְּט אָן זִינְגֶען: "סְ'אִיז בֶּעסֶער צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מֶער פוּן אַלֶע גָאלְד אוּן זִילְבֶּער!"

אַלֶע מֶענְטְשְׁן וואוּנְדֶערְן זִיךְ 'וָואס גֵייט דָא פָּאר? וָואס אִיז הַיינְט - שִׂמְחַת תּוֹרָה? הַיינְט אִיז יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת! וָואס טַאנְצְט עֶר אַזוֹי? וָואס שְׁרֵייט עֶר אַזוֹי?!'



שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַ נַייעֶ תּוֹרָה!!!

קִינְדֶער, אִיר וֵוייסְט וֶוער עֶס אִיז דֶער אִיד וָואס טַאנְצְט אַזוֹי?

גֶעוֶוען אִיז דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר פְלֶעגְט אַלְץ מַאכְן פְּתִיחַת הָאָרוֹן, עֶר פְלֶעגְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פוּנֶעם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ; פַּאסִירְט אֵיין יָאר יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, רֶבִּי נָתָן נֶעמְט אַרוֹיס דִי תּוֹרָה אוּן עֶר וֶוערְט אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מִיר זֶענֶען אוֹיסְדֶערְוֶוערְוֶועלְט פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער; רֶבִּי נָתָן נֶעמְט אַרוּם דִי תּוֹרָה אוּן הוֹיבְּט אָן טַאנְצְן, עֶר שְׁרֵייט: "אַ נֵייעֶ תּוֹרָה...! אַ נֵייעֶ תּוֹרָה...!" אַזוֹי וִוי אֵיינֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיט אַ נֵייעֶ זַאךְ, אַ נֵייעֶ קְלֵייד, אַ נֵייעֶ חֵפֶץ.

עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי תּוֹרָה אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן אַרוּם דֶעם בִּימָה, אוּן וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן דָאס גֶעזֶען הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן, עֶס אִיז גֶעוָוארְן מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי שִׂמְחַת תּוֹרָה, מֶען הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט מִיט דִי תּוֹרָה.

לָאמִיר אַלֶע טַאנְצְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, לָאמִיר אַלֶע שְׁרֵייעֶן הוֹיךְ: "שְׁכוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ בִּין אַ אִיד! אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ זַיין אַ אִיד!"

ב"ה

לעצטע געלעגנהייט!

דער ספר ווערט בעז"ה
פארמאכט דינסטאג
בהעלותך הבעל"ט

# מרישא ועד גמירא

פלאטפארמע מיטצוהאלטן פארשריט פון ספרי מכון עצתו אמונה

מיר האלטן שוין ברוך ה' ביי די פערטע פאזע!

## עצתו אמונה חלק י'
## גייט שוין אט אט צום דרוק

1. הגהה — ערשטע פאזע - 3 וואכן:
2. אויסשטעל — צווייטע פאזע - 2 וואכן:
3. צוזעצן — דריטע פאזע - 3 וואכן:
4. צוענדיגן

בשורה טובה: מ'קען שוין איינהאנדלען א זכות דורך אונזער מטבע אקאונט: 00124222790
ווי אויך דורך אונזער OJC אקאונט: 10505

האנדלט אייך איין א זכות אינעם ספר וואס וועט מחי' זיין און מחזק זיין טויזנטער אידישע קינדער צו עבודת ה'
רופט שוין אן ר' ישעי' איידליס הי"ו צו נעמען אייער זכות 347.831.1391